STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01036

DI BIOGRAFYE FUN A VARSHEVER ROV

N. Shemen

Permanent preservation of this book was made possible
by Helen Lohman & son Ira

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. שמן:

די ביאָגראַפיע פון אַ וואַרשעווער רב
— הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן זצ״ל



הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן

(תרכ״ג—תש״ב)

נ. שמן

די ביאָגראַפיע פון אַ וואַרשעווער רב

הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן זצ״ל

פאַרלאַג: „דער קענעדער אדלער״

תשרי, תש״ט — אָקטאָבער, 1948 מאָנטרעאל, קאַנאַדע

The Biography of a Warsaw Rabbi

Z'vi Yecheskiel Michelsohn

By N. SHEMEN

Copyright, 1948

Montreal, Que., Canada

THE EAGLE PUBLISHING CO. LIMITED
4075 St. Lawrence Boulevard
Montreal, Canada
9a

אינהאַלט

פאָרוואָרט פון ישראל ראַבינאָוויטש — — — — — — — — — 7

פון מחבר — — — — — — — — — — — — — — — — — 9

I

גרויסע רבנישע פערזענליכקייט — — — — — — — — — — 11

II

אייניגע ביאָגראַפישע שטריכען — — — — — — — — — — 13

III

זכות אבות — — — — — — — — — — — — — — — 18

IV

פאַרפאַסער פון אומצעליגע ספרים — — — — — — — — — 26

V

רבנישע אויטאָריטעט און היטער פון דת — — — — — — — — 39

VI

צוויי רבנישע טיפען: הרב יוסף לעווינשטיין און הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן — — — — — — — — — — — — — — — — — 58

VII

וועגען אומקום פון הרב מיכלזאָן הי״ד — — — — — — — — 62

VIII

הלל צייטלין וועגען רב מיכלזאָן — — — — — — — — — 69

הוספה 1: הרב מיכלזאָן אין ווילנער ש״ס (צום קאַפּיטעל: דער פאַרפאַסער פון אומצעליגע ספרים) — — — — — — — 77

הוספה 2: הרב מיכלזאָן צווישען די גרינדער פון מזרחי (צום קאַפּיטעל: רבנישער אויטאָריטעט און היטער פון דת) — — 79

הוספה 3: הרב מיכלזאָן — פאַרטיידיגער פון „בשמים ראש״ — — 80

רשימה פון נעמען (פערזאָנען און ערטער) — — — — — — — 83

בילדער און פאַקסימיליעס

אַ קורצע באַמערקונג

נאָכ'ן שרעקליכען חורבן פון דעם אייראָפּעאישען אידענטום, איז עס געוואָרען אומגעהייער וויכטיג, עס זאָל פאַר אונז, ווי פאַר די קומענדיגע דורות, רעגיסטרירט ווערען אַלץ וואָס די גרעסטעוועטע פון דעם חורבן געדענקען וועגען דעם חרוב-געוואָרענעם שטייגער לעבען און זיינע ליכטיגע גייסטער. די איצטיגע מאָנאָגראַפיע וועגען דעם וואַרשעווער רב, הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן ז"ל, פון נ. שמן, איז אַ וויכטיגער צושטייער צו דער „למען תזכור" ליטעראַטור, וואָס האַלט זיך איצט אין שרייבען.

ביים לייענען דעם מאַנוסקריפּט האָבען אַ פּאָר שטעלען באַזונדערס פאַרכאַפּט דעם שרייבער פון אָט די שורות. אָט למשל דערציילט זיך וועגען דעם, אַז אין יאָר תרע"א האָט די רוסישע רעגירונג געוואָלט דורכפירען אַ „שרעקליכע גזרה" אויף די פּוילישע אידען. ס'איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַן אוקאַז, אַז עס זאָלען איינגעפיהרט ווערען זומער-וואַקאַציעס פאַר אַלע אידישע חדרים אין דער מדינה. שמן שילדערט אָפּ, אויפ'ן באַזיס פון דאָקו־מענטאַלע ראיות, די ספּעציעלע ראָל וואָס דער העלד פון זיין דערציילונג האָט געשפּילט אין דער הייליגער מלחמה געגען דער גזרה פון ביטול התורה און ווי אַזוי די „גזרה" איז אָפּגעשריגען געוואָרען. מיר דערוויסען זיך אויך וועגען דער גרויסער שמחה וואָס האָט געהערשט אין דער מחנה ישראל איבער דער „ישועה פון גאָט" נאָך אַזאַ שווערער גזרה, וועלכע איז אויסען געווען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי „להנהיג שביתה מלמודים ערך שני חדשים וחצי בכל החדרים". דער רוף איז געווען, אַז עס איז נויטיג אַ „גרויסע השתדלות", ווייל אַזאַ זאַך קען נאָך ניט דערלאָזען ווערען!

ניט ווילענדיג גיט זיך דערביי אַ טראַכט, צי וואָלט עס בעוונותינו הרבים ניט באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ גרעסערער גזרה מן השמים, ווען מען זאָל אויף די היגע אידישע שולען און חדרים אַרויסגעבען אַ פאַרקערטע גזרה, דאָס הייסט, אַז מען זאָל אויפגעבען די זומער-וואַקאַציעס און דעם ביטול התורה וואָס ברענגט מיט זיך . . . מיר זיינען בטוח, אַז אין אַזאַ פאַל וואָלט ניט נויטיג געווען קיין השתדלות, ווייל מען וואָלט פשוט באַטראַכט פאַר חסר דעה יענעם, וואָס וואָלט אַזאַ זאַך פאָרגעשלאָגען און דערביי וואָלט עס געבליבען.

אַך ווי די צייטען האָבען זיך געביטען!

אָבער פאַר אַלע צייטען און פאַר אַלע דורות וועט אַט דעם רעגיסטריר-טער פאַקט דינען ווי אַ שיינענדיגער ביישפּיל פאַר דעם וואָס עס הייסט איבערגעבענקייט צו תורה. מיר זיינען אפשר פּראַקטישער ווי זיי, אָבער בעסער? פּאַוואַלינקע, קינדערלאַך!

נ. שמן שפּאַרט ניט קיין דאָקומענטאַלע פּרטים און זיין איצטיגער ספר׳ל שטעלט מיט זיך פאַר אַ גאַר ווערטפולע קולטור-היסטאָרישע פאָר-שונג. אפילו ווען דאָ און דאָרט באַמערקט זיך אַן איבערלאָדונג פון פּרטים, איז אָבער ניט שווער צו באַמערקען די גרויסע ליבשאַפט, די בענקשאַפט און יראַת הכבוד, וואָס עס אָטעמען אַרויס פון דעם אַלעמען.

אַ באַזונדער כאַראַקטעריסטיק פון אַט דעם ספר איז די געוואַלדיגע פאַרעהרונג פון אַ תלמיד צו זיין רבי׳ן, וואָס פיהלט זיך אין יעדען בלעטעל. אויך האָט געהער צו די געבענשטע שטריכען אין דעם כאַראַקטער פון „אַלט-מאָדישען״ איד, און הלוואי זאָל די דאָזיגע „אַלטמאָדישקייט״ קיינמאָל ניט אַרויס פון מאָדע ביי די קינדער פון ישראל.

ישראל ראַבינאָוויטש

פון מחבר

מיר שטעהען איצט אונטערן טיפען צושטערענדיגען רושם פון אונזער גרויסער קאטאסטראפע וואס האט צו זיך קיין ביישפיל אין דער געשיכטע. עס איז געשטאנען אן אור־אלטער וואלד, מיט געדיכט איינגעדרייטע צווייגען און גרויסעווארצלען וואס האבען זיך געצויגען ארויס פון דער פעטער ערד און זאפטיגען טוי... די מוראדיגסטע שטורעמס האבען דעם וואלד ארויסגעריסען פון זיינע טיפענישן, אינאיינעם מיט די ווארצלען.

גרויס איז דער צער פון חורבן און טיף איז אונזער טרויער — נאך גרעסער איז דער פחד! ניטא מעהר חלילה קיין יניקה. געבליבען זענען פון דער גרויסער קאטאסטראפע רעשטלאך פון א פאלק, צווישען זיי מינדעריאהריגע יתומים, וועלכע דארפען געשטאלטען, בויען און באפעסטיגען אונזער קאלעקטיוו לעבען ווי א פאלק, אונזער נאציאנאלען קיום, אין איראפע.

מוזען מיר אט דעם דור דערצעהלען וועגען דעם דור פריער, וועגען די גדולי ישראל וואס האבען געוויטאגט מיט די גרויסע וועהטאגען פון דעם אידישען פאלק, אריינגעבראכט אין אידישען לעבען גייסטיגע דערהויבונג, געמאכט עס נשמה'דיקער, הימלדיקער,, אריינגעבראכט פרייד און פאנטאזיע, געזאנג און עקזאלטאציע.

איינער פון אט די גייסטיגע מענשען אין דור, איז געווען רבינו צבי יחזקאל מיכלזאן ז"ל, וועמען איך האב זוכה געווען צו קענען לערנען און וועלכער האט געמאכט אויף מיר אן אומפארגעסליכען איינדרוק. אויסער זיינע טעטיגקייטען פאר'ן חיזוק הדת והיהדות, האב איך אין איהם געזעהן א רב וואס וועהטאגט דעם צער פון זיין אומגליקליך פאלק און אין א געוויסען זין אויך א באשיצער פאר יעדען ארימען און געדריקטען. ווי אן אמת'ען מנהיג ישראל פון דעם טיפ ר' חיים עוזר גראדזענסקי זצ"ל, (באריהמטער ווילנער רב, דער גאון און מנהיג פון פוילישען אידענטום פאר א האלבען יאהרהונדערט) איז זיין הויז שטענדיג געווען פול מיט באזוכער און יעדען פלעגט ער אויפנעהמען בסבר פנים יפות, מיט א פאטערליכען שמייכל און ארויסגעוויזן אויפריכטיגע פריינדשאפט און סימפאטיע.

אין אזא מורא'דיגער צייט, ווען דאס פוילישע אידענטום איז חרוב־ומוחרב, איז פון גרויס וויכטיגקייט אט דאס באקענען זיך מיט דער גייסטיגער ירושה פון אזא רבנ'ישער פערזענליכקייט ווי הרב מיכעלזאן, וועלכער איז די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען געווארען א לעגענדע אין די פויליש־אידיש־ארטאדאקסישע

קרייזן. עס איז וויכטיג זיך צו באַקענען מיט זיינע לעבענס־אידעאַלן, מיט זיין שאַפן אויפ׳ן ליטעראַרישן, רבנ׳ישן און געזעלשאַפטליכן געביט.

די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָהר — די צייט צווישן צוויי מלחמות — איז לעבן פון פוילן, זיינען געווען ברויזענדיגע, אומרוהיגע. עס איז געווען אַ לעבן באַגלייט מיט קאַשמאַרן — דער פיינליכסטער קאַשמאַר, די נאַצי־הערשאַפט אין פוילן וואָס האָט געלייגט מאַסן קאַנוואָלסיווע קדושים אין טאַטאַלע קברים און אויף אַ בעסטיאַלישן, סאַדיסטישן אופן אומגעבראַכט זעקס מיליאָן פון אונזער פאָלק.

אָט מיט אַזאַ „מיתה נשיקה" זענען אומגעקומען די ליבסטע, טייערסטע און הייליגסטע תורה־פאַרשטייער אויף דער וועלט און — „נסתרים דרכי ד׳!" ווען איוב׳ס צרות כאַפּן אַרום דעם כלל, איז ליבער צו זיצן אין איינזאַמקייט און שווייגן, „ישב בדד וידום" . . .

זאָל די קורצע ביאָגראַפישע אַרבייט דינען ווי אַן עפּיטאַפּיע, אַן אויפשריפט אויף דער אומבאַקאַנטער מצבה, ווי אַן אָנדענק פון אַ ליכטיגער רבנ׳ישער פּערזענליכקייט אין פוילן פון פאַר דער מאָדאַנעק תקופה, פון פאַר 1939 און וואָס ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט.

איז דאָך וויכטיג, נאָך אונזער גרויסען חורבן השלישי, מיט׳ן טיפען באַוואוסט־זיין פון „לא אמות כי אחיה", צו געדענקען דעם אמאָל, צו וועבן אויף ווייטער דעם גאָלדענעם פאָדים. אויפ׳ן שוועל פון גאולה, ניט צו פאַרגעסען די שיינע טראַדיציעס פון אַמאָליגען אידישען וואַרשע, מיט איהרע רבנים וועלכע האָבען אַזוי פיל אויפגעטאָן פאַר׳ן קיום פון פאָלק, פאַר דער אויפהאַלטונג, אויפלעבונג און דערהאַלטונג פון דער אידישער טראַדיציע, וועלכע האָבען אויך אָנגעפירט אַן אינטענסיווע טעטיגקייט פאַר דעם המשך פון געלייטערטען אידיש־שעפערישען וואָרט אויף דער אידישער גאַס. אַ וויכטיגער טרעגער פון אידישער קולטור און איהר וואָרט־זאָגער איז געווען הרב מיכלזאָן ז״ל — פון די אָנגעזעהענסטע רבנים אין וואַרשע, פוילן.

I

גרויסע רבנישע פערזענליכקייט

מען ווייסט ניט גענוי ווען און ווי אזוי דער בארימטער ווארשעווער רב, הרב צבי יחזקאל מיכלזאן ז״ל איז אומגעקומען. אין די ערשטע יאהרען פון קריג האבען מיר פון איהם קיין שום ידיעות ניט געהאט. מיר האבען בלויז געוואוסט, אז ער איז געבליבען אין ווארשע און ער דארף אויף דער עלטער צוזעהן דעם גרויזאמען גורל פון די מיליאנען פארפייניגטע און דערמארדעטע אידען.

די טרויעריגע מיטטיילונג פון זיין פטירה איז אנגעקומען צוזאמען מיט דער ידיעה וועגען דעם גרויסען אויפשטאנד אין ווארשע קעגען די נאצי־הארדעס, ערב פסח תש״ג (19־טען אפריל 1943). אין דער רשימה פון די רבנים קדושים, אומגעקומענע אין ווארשע, איז אויך דערמאנט געווארען דער נאמען מיכלזאן, און דאס אלץ.

ער, דער גרויסער אוהב־ישראל, האט צוגעזעהן דאס מורא׳דיגע און גרויזאמע בילד פון אומקום פון דער אמאל שטארקער און באפעסטיגטער בית־ישראל אין פוילען. ער, דער צדיק, האט צוגעזעהן די פיזישע און מאראלישע ליידען פון אידען אין פוילען, די שרעקליכע דייטשע ברוטאלקייטען און בעסטיאלישקייטען. פול מיט גלויבען, תורה און חסידות, האט ער זיכער געגלויבט, אז קומען וועט דער טאג פון רעכענונג און אפרעכענונג, און אז דאס אידישע פאלק וועט אן ארט און א היים געפינען צווישען אלע פרייע פעלקער פון דער וועלט. ער האט אבער דעם טאג ניט דערלעבט!

ער האט געזעהן, ווי דער שונא האט זיך פארמאסטען חרוב צו מאכען ניט בלויז דעם אידישען גוף, נאר אויך דעם אידישען גייסט, חרוב צו מאכען דאס, וואס ס׳איז געבויט געווארען פאר דורות. ער האט אבער אויך געזעהן, ווי טייערע אידישע זיהן און טעכטער טראגען מיט שטאלץ די געלע לאטע, גיבען זיך ניט אונטער, קעמפען ווי גבורים־קדושים פאר׳ן כבוד פון זייער פאלק. מוטיג, עקשנות׳דיג היטען זיי די גייסטיגע אוצרות און פירען די מלחמת־מצוה, די מלחמת ד׳. אין דער פסח־נאכט פון יאהר תש״ג איז עס געוועזען, ווען מ׳האט דערהערט, ווי די ווארשעווער געטא האט אפגעענטפערט דעם בעסטיאלישען שונא. די שלאכט פון דער געטא אין דער „ליל שמורים״ פון 1943 איז דאס הייליגסטע קאפיטעל אין אונזער בלוטיגער געשיכטע פון גלות. די שלאכט פון צוויי און פערציג טעג האט בלויז א פארגלייך מיט די קאמפען פון די מאקאבייער,

בר־כוכבא און אַנדערע העלדישקייטען פון אידען אויף׳ן הייליגען ארץ ישראל׳־דיגען באָדען. (ווי מיר וועלען ווייטער זעהען, איז ער אומגעקומען נאָך אין 1942־טען יאָר, שוין ניט דערלעבט דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד).

און איך שטעל מיר פאָר, ווי אַט דער פאַטריאַרכאַלער רב מיכלזאָן ז״ל האָט אין יענעם מאָמענט זיך געפיהלט, ווען ער האָט געוואוסט, אַז ס׳זיינען שוין די לעצטע מאָמענטען פון זיין לעבען. ער האָט זיכער געזעהן פאַר זיינע אויגען יענעם אומקום פון גרויסען תנא־העלד רבי עקיבא בן יוסף, איינער פון די ליכטיגסטע געשטאַלטען אין אידישען פאָלק, און אין זיינע אויערן האָבען געוויס געקלונגען יענע גרויסע אומשטערבליכע ווערטער:

כל ימי הייתי מצטער לקיים בכל נפשך, ועכשו שבא לידי לא אקיימנו?[1]

עס איז פאַרענדיגט געוואָרען דאָס רייכע און שעפערישע לעבען פון איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע רבנ׳ישע פערזענליכקייטען אינ׳ם פוילען פון פאַר 1939, אַ לעבען, וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט אַ שטיק אידישע געשיכטע אין פוילען, סיי אינ׳ם אָרטאָדאָקסישען און סיי אין אַלגעמיינעם אידיש־געזעל־שאַפטליכען און רעליגיעזען לעבען.

הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן האָט זיין יחוס געצויגען פון די גרעסטע רבּיאישע משפחות. ער איז געווען דער מחבר פון הלכה־ספרים, פון חסידות און אגדה־ליטעראַטור, און אפילו געזאַמעלט אוצרות פון חסידות־פאָלקלאָר. אַ רבנ׳ישע אַריסטאָקראַטישע פערזענליכקייט, אַ „נוח לבריות״, אַ צוגעלאָזטער מענש, אַ שרייבער, פאָרשער און טוער. אַ קנאי פאַר תורה־אידישקייט, האָט ער געגנוצט זיין וואָרט און שריפט, זיין שאַרפע פען און וויסען פאַר אידישקייט, אָרטאָ־דאָקסיע, כדי אַנצוצינדען העָרצער פון ערליכע אידען — דאָך ניט געהערט אָפּיציעל, צו קיין ריכטונג און אָפּטמאַל אַרויסגעוויזען טאָלעראַנץ צו אַנדערע ריכטונגען אינ׳ם אידישען לעבען. ער האָט געמאָנט און געפאָדערט אמת׳ע פרומקייט, אמת׳ע אידישקייט, דאָס היטען די תרי״ג מצוות אָהן וועלכער ס׳איז פשרה, יהדות חרדית, ווי אַמאָליגע רבנים האָבען עס פאַרשטאַנען, און אַלץ אָזוי תמימות׳־דיג, אָזוי פשוט, ניט באַליידיגענדיג קיינעם, ניט אָנפאַלענדיג אויף קיינעם. ער האָט פיינט געהאָט די השכלה, געהאַלטען, אַז דאָס איז אַ קללה, און דאָך אָנערקענט זי און אפילו באַנוצט זיך מיט אַ טייל השכלה־ספרים. אין זיין ביבליאָטעק, איינע פון די רייכסטע ביבליאָטעקען אין פוילען, האָבען זיך געפונען טייערע און זעל־טענע ספרים, הויפענס מעשה־ביכלעך און אויך אָהן אַ שיער ווירטיגע השכלה ספרים. ער איז געווען דער אמת׳דיגער מענש, מיט קדושה אין האַרצען און טהרה אין דער מחשבה און מיט ליבע צו אונזער פאָלק.

1) אַלע מיינע טעג געשטרעבט מקיים צו זיין דעם „ובכל נפשך״, צו דינען גאָט מיט׳ן גאַנצען לעבען — און איצט, אַז עס איז געקומען די געלעגנהייט, זאָל איך דאָס ניט פאַרווירקליכען? (זע ברכות ס״א).

II

אייניגע ביאָגראַפישע שטריכען

הרב ר׳ צבי יחזקאל מיכלזאָן איז געבוירען געוואָרען דעם ניינטען טאָג אין שבט, אין יאָהר תרכ״ג, אינ׳ם שטעטעל בילגוריי, לובלינער דיסטריקט, אין צייט פון דער פוילישער „פּאָווסטאַניע״ (דער דריטער אויפשטאַנד). זיין פאָטער ר׳ אברהם חיים, ווי זיין מוטער חנה בילא זענען ביידע געווען פון רייכען אידישען יחוס אין פוילען און האָבען פאַר זייער זוהן געהאַלטען די בעסטע מלמדים. ווי געוויינליך, איז ער דערצויגען געוואָרען אין אַ שטרענג חסידיש־רעליגיעזע סביבה אין דער געדיכטער אידישער באַפעלקערונג וואָס האָט געקאָכט און גע־ברויזט מיט אַן אייגענאַרטיג אידיש לעבען, וואָס האָט משפיע געווען אויף דער גייסטיגער אַנטוויקלונג פון דעם יונגען עילוי, ווי מ׳האָט איהם גערופען אין פּיעטריקאָוו, ווען זיינע עלטערען האָבען זיך אַהין איבערגעצויגען.

ער איז געווען זעהר אַ ליב און אַנגעצייטערט קינד. ווי ער דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „פּתח הבית״, איז ער על־פּי־נס געראַטעוועט געוואָרען, ווען ער איז אַלט געווען אייניגע חדשים און פוילישע רעבעלען האָבען געשאָסען אויף זיין מוטער, ווען זי האָט איהם געהאַלטען אויף איהר האַנט.

אין יאָהר תרל״ט איז ער אַ חתן געוואָרען אין שטעטעל וואָלאַדאָווו, און אין כ״א מנחם־אב תר״מ חתונה געהאַט מיט זיין קוזינע הינדא סעריל אין דאָרף יעזערני און אַ צאָל יאָהרען געגעסען, ווי דער שטייגער איז געווען, קעסט ביים שווער. נאָך דער חתונה איז ער קראַנק געוואָרען. דער שווער ר׳ דוד טעביל שווערדשאַרף, זיין מוטער׳ס ברודער, האָט איהם געשיקט אין די בעסטע קור־ערטער כדי וואָס שנעלער זיך צו דערהאָלען. אין משך פון דער צייט האָט זיך זיין בני־בית, שווער און פאַמיליע, איבערגעצויגען פריהער קיין טאָמאַשאָוו און נאָכדעם קיין זאַמאָשץ.

אין יאָהר תרמ״ג איז דער זאַמאָשצער רב נפטר געוואָרען און די שטאָט האָט איהם געוואָלט באַקליידען מיט׳ן רבנות־אמט; ער האָט אָבער צוריקגעווי־זען דעם אָנבאָט, ווייל ער האָט געפיהלט אַז ער איז נאָך צו־יונג צו פאַרנעמען אַ רבנות שטעלע. ער האָט אָבער יאָ דאַן גענומען „סמיכות רבנות״ פון די גדולי הדור: ר׳ שניאור זלמן (לובלינער רב, מחבר פון באַרימטען ספר „תורת חסד״); ר׳ חיים אלעזר וואַקס (קאַלישער רב, מחבר פון הלכה ספר „נפש חיה״); ר׳ צבי־הירש תאומים, רב אין וואָלאַדאָווי און אַנד. ניט נעמענדיג קיין לויז אַלס רב, האָט ער פונדעסטוועגען אין זאַמאָשץ גע׳פסק׳ענט שאלות.

זאמאשטש איז אין יענער צייט שוין געווען אַן „עיר ואם בישראל״, אַ מאמע־שטאָט ביי אידען, אַ באַרימטע מתנגדישע שטאָט, אַ שטאָט מיט באַרימטע משכילים, באַוואוסטע געלערענטע שריפטשטעלער און גרויסע לומדים. אין יענער צייט האָט דאָרט געלעבט און געשאפען איינער פון די קלאַסיקער פון דער מאָדערנער אידיש־העברעאישער ליטעראַטור יצחק לייבוש פרץ (געב. זאמאשטש 1812, געשט. ווארשע 1915). ד. שיפמאַן, אַ זאמאשטשער בן־עיר, באַרימט זיך, אַז אוירא דזאמאשטש מחכים — די לופט פון זאמאשטש מאַכט קלוג (זע נ. מייזיל, י. ל. פרץ, ניו יאָרק 1945, ז. 17).

אין יענעם יאָהר זענען זיי צוריקגעפאָרען קיין בילגוריי זיך באַזעצען און אויף דער עצה פון „שפת אמת״ (דער באַרימטער גערער רבי הגה״צ ר׳ יהודה ארי־ליב זצ״ל) אנגענומען די רבנות־שטעלע אין דער שטאָט קראַסניבראַד. פרייטאָג, פרשת תצא, תרמ״ד איז ער אָנגעקומען אין קראַסניבראַד. דער באַרימטער ראַדזינער רבי ר׳ גרשון חנוך־העניך ליינער זצ״ל (מחבר פון די באַרימטע גאונ׳ישע ספרים „סדרי טהרות״, „עין התכלת״, „פתיל תכלת״ און אַנד.) האָט אין זיין גראַטולאַציע קיין קראַסניבראַד געשריבען: „צהלי ורני יושבת קראַסניבראַד כי ג ד ו ל בקרבך״ . . .

צוליב מסירות און מחלוקת אין שטאָט, און צוליב זיין איינשטעלען זיך פאַר דער גערעכטיגקייט האָט ער זעהר פיל געליטען אין יאָהר תרמ״ח. ער האָט געדאַרפט שטעהן פאַר דעם געריכט אין געגענט, ווען די מחלוקת׳ן איז שטאָט. דאָס געריכט האָט איהם באַפרייט און אין יאָהר תר״נ איהם צוריק־געגעבען זיינע ספרים אויסער פיר און צוואַנציג, צווישען וועלכע ס׳האָט זיך געפונען שו״ת מהרשל, שו״ת חתם־סופר, פיר חלקים שו״ע, געדרוקט איז לעמבערג. דאָס האָט געמאַכט אויף איהם און זיין פרוי אַ טיפען און שווערען איינדרוק. די לעצטע, האָט פאַר איהר פטירה געזאָגט צו איהם: „געדענקסט וויפיל טרערען איך האָב פאַרגאָסען אין דעם טאָג ווען מ׳האָט ביי דיר די ספרים אַרויסגענומען פון שטוב אין קראַסניבראַד״.

אין יאָהר תרנ״ג איז ער געוואָרען רב אין פלונסק. אויך דאָרט האָט ער בלויז די ערשטע יאָהרען געהאָט ליכטיגע מאָמענטען. זייענדיג דאָרט אַ צאָל יאָהרען, האָט ער, ווי ער דריקט זיך אויס צו דערציילען „אחד מני אלף״ פון די פאַסי־רונגען און זיינע איבערלעבענישען. אין פלונסק האָט ער זיך שוין אַרויסגעזעהן אַלס גרויסער כלל־טוער:

פלונסק, ווי פיל פויליש־אידישע שטעטלאַך, האָט זיך געהאָט איהרע מעלות און חסרונות, איהרע מחלוקת׳ן און כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען. אין פלונסק איז געבוירען געוואָרען דער אומבאַקאַנטער ד ו ד ג ר י ן, וואָס איז אויסגעוואַקסען אַלס די באַרימטע פערזענליכקייט ד ו ד ב ן ־ ג ו ר י ו ן, מיטגרינדער פון דער פועלי ציון פאַרטיי, הויפט פיהרער פון „הסתדרות״ אין ארץ־ישראל און דער

61 יאריגער פרעמיער - מיניסטער פון דער ניי - פראקלאמירטער מלכות ישראל. דאס שטעטעלע איז אנגעזעהן אויף דער אידישער מאפע. אויך יצחק גרינבוים — דער בארימטער פירער פון פוילישען אידענטום און פירענדע ציוניס־טישע פערזענליכקייט, אינערן מיניסטער פון דער ניי־געשאפענער אידישער רע־גירונג אין ארץ ישראל — אויך ער איז דערצויגען געווארען אין פלונסק, ביי זיין פעטער יהושע, איינער פון די השכלה קעמפער אין פוילען.

אין יאהר תרע״א, ווען די רוסישע רעגירונג האט באאויפטראגט איהר גענעראל גוברנאטאר אין פוילען איינצופירען וואקאציע אין חדרים די זומער חדשים אויף צעהן וואכען און דער גוברנאטאר סקאלאן האט די גזרה באלד געוואלט דורכפירען, האט הרב מיכלזאן, נאך א לענגערער השתדלות, אויסגע־ווירקט מ׳זאל די גזרה צוריקרופען. אין א בריוו פון ווארשעווער רב און קהלה־פירער ר׳ שלמה דוד כהנא שליט״א, ראב״ד אין ווארשע, שרייבט ער איהם וועגען דעם באפעל „להנהיג שביתה מלמודים ערך שני חדשים וחצי בכל החדרים ונחוצה השתדלות גדולה. ער בעט איהם אונטערצונעמען די דאזיגע שתדלנות.

ער האט אינטערוועגירט ביים דירעקטאר פון גוברנאטאר, הער כארלאמאוו און דער לעצטער איז פאלשטענדיג נאכגעקומען זיין פארלאנג מיט גרויס כבוד. אין א בריוו פון קהלה פירער יואל וועגמייסטער, דאטירט עש״ק נשא ה׳תרע״א, ווארשע, שרייבט ער איהם:

„לשמחת לבבנו אוכל להודיעהו מישועת ד׳ אשר גמל אתנו כי הצליח כ״ת בשליחותו שמאת הגיניראל גוברנאטור נתן צו אל כל גוברנאטרי המדינה לבלי להנהיג מעתה את הוואקאציע בהחדרים, כן נזכה לבשר ולהבשר מישועת ד׳ לישראל . . .״

זיין שתדלנות האט געבראכט גוטע באלדיגע פאזיטיווע רעזולטאטען.

אין צייט פון דעם ערשטען וועלט־קריג, איז ער געווען א ציוויל־געפאנגענער אין קארלסבאד און זיד א סך אנגעליטען. אין זיין אויטאביאגראפיע גיט ער איבער פרטים פון אלע זיינע גלגולים און פון זיין באאומרואיגקייט וועגען גורל פון אידען בכלל און וועגען גורל פון זיין משפחה בפרט, מיט וועלכער ער האט ניט געהאט קיין קאנטאקט.

אבער דאס האט איהם ניט אזוי פיל וועה געטאן, ווי צוריקקומענדיג אין פלונסק האט ער אנגעטראפען מחלוקת, מסירות און רייסערייען — און פון דעם איז ער אנטלאפען ווי פון פייער. אין „פתח הבית״ האט ער א גרעסערען מאמר וועגען מוסרים, אז זיי זענען ניט אין כלל ישראל. א מסור איז ווי אן עובד עבודה זרה. ער רעדט דארט מיט די שארפסטע ווערטער קעגען מוסרים און מלשינים.

עס איז דעריבער ביי איהם געווען א פרייד, ווען ער האט באקומען פון דער ווארשעווער קהלה און באזונדער פון זיין קרוב ר׳ העשיל פארבשטיין, דאן

פּרעזעס פון קהלה־ראַט און פּרעזידענט פון מזרחי אין פּוילען — די איינלאַדונג צו ווערן איינער פון ועד הרבנים אין וואַרשע.

דעם אַמט אין וואַרשעווער ראַבינאַט האָט ער אָנגענומען אין חשון תרפ״ב, און איהם אָנגעהאַלטען מיט גרויס כבוד ביז די טראַגישע טעג פון 1939, ווען וואַרשע איז געפאַלען און די נאַציס האָבען זיך גענומען דורכפירען זייערע טייוו־לאַנישע פּלענער פון שאַפען אידישע געטאָס און זיי חרוב מאַכען. צו זיין גרויסען ווערטאָג האָט ער געזעהן די חורבות פון באַלעווקיס, גענשאַ, פראַנציש־קאַנער, דזשיקע, סמאָטשע, פאַנסקאַ, טוואַרדע — די געגענטען וואו עס האָט געבּרויזט מיט אַן אייגענאַרטיג אידיש פאָלקס־לעבען. ער, ווי אַלע קדושים פון פּוילען, האָט דורכגעמאַכט די אוממענשליכע פּייניגונגען מצד די דייטשע סאַדיס־טען. מ'קאָן זיך פאָרשטעלען ווי ער האָט געפיהלט, ווען ער האָט געזעהן וואָס פון פּוילישען אידענטום איז געוואָרען.

ר' יחזקאל מיכלזאָן, וועלכער האָט מסתמא ווי דער רמ״א (ר' משה איסרלס) פון קראָקע, געטראַכט, אַז „טוב פת חרבה ושלוה בה במדינות אלו, מלכות קרקוב, אשר אין שנאתם גוברת עלינו כמו במדינות אשכנז״ (בעסער אַ שטיקעל טרוקען ברויט און רואיגקייט אין די לענדער, אינ'ם קעניגרייך פון קראָקע, וואו עס איז ניט אַזאַ שנאה צו אונז, ווי אין די דייטשע לענדער) 2). ער

2) ר' משה בן ר' ישראל איסרלס איז געבוירען געוואָרען אין קראָקע אין יאָהר ר״פ (1520) און איז נפטר געוואָרען אין יאָהר של״ב (1572).. זיין רבי־מובהק איז געווען ר' שלום שכנא, לובלינער רב, זיין נאָהענטסטער חבר איז געווען דער גאון־הדור ר' שלמה לוריא (מהרש״ל לובלין). ער איז אויך געווען דער איידעם פון ר' שכנא, זיין ווייב גאָלדע איז געשטאָרבען זעהר יונג, ווען דער פאָטער האָט נאָך געלעבט . . . דער רמ״א האָט נאָכדעם געהייראַט די שוועסטער פון באַרימטען גאון ר' יוסף כ״ץ, מחבר פון ספר שארית יוסף.

דער רמ״א איז באַרימט אַלס „בעל המפה״ צום שלחן ערוך פון ר' יוסף קאַרו, אַלס מיטשאַפער פון דער אידישער הלכה, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין די פיר בענדער שלחן ערוך. אַלס פּוסק און גדול האָט ער נאָך אַלס גאָר יונגערמאַן געשפּילט אין גאַנץ איראָפּע די אייגענע ראָלע וואָס ר' יוסף קאַרו אין ארץ־ישראל און ביי די ספרדישע אידען פון אומעטום. אין די לענדער פון צענטראַל, מערב און מזרח איראָפּע פּסק'ענט מען ווי דער רמ״א — אַלס העכסטע אויטאָריטעט. אויף איהם האָט מען געזאָגט: ממשה (הרמב״ם) ועד משה (איסרלס) לא היה כמשה״. אַ פראַזע געזאָגט אויפ'ן רמב״ם אין וועמעס שיטה ער איז געגאַנגען סיי אין הלכה, סיי אין פילאָזאָפיע. דער באַרימטער רב אין איטאַליע מהר״י מינץ דריקט זיך אוים אין זיין הספד: „ולא הניח כמותו בכל הגלילות״ . . .

קראָקע איז חרוב געוואָרען. אין איצטיגען קראָקע געפינען זיך עטליכע טויזענט אידען, זיינען זיי מערסטענס פון אַנדערע שטעט. די שולען, די אידען־גאַסען, די אידישע אינסטיטוציעס, אפילו די בית עלמינס זיינען חרוב און פאַרניכטעט. געבליבען איז די מצבה פון רמ״א, וואָס טראָגט אויף זיך די דאַטע פון יאָהר 1572 — של״ב, צו וועלכער טויזענטער אידען פלעגען קומען ל״ג בעומר, צו דעם יאָהרצייט פון באַריהמטסטען פּוי־לישען גאון און פּוסק. די מצבה איז איבערגעבויט געוואָרען אין יאָהר תקנ״ד. אויפ'ן „אוהל״ פון רמ״א איז געווען אַן אויפשריפט:

„כתר תורה וכתר כהונה, יחד כתרין,
בזה הארון, איש מוכתר בשני מקושרין
ולא הניח אחריו זכרון
כי אם תורתו ומעשים טובים״ . . .

האָט צוגעזעהן ווי די דייטשען האָבען פאַרוואַנדעלט מדינת פוילען אין איין גרויסען קבר פאַר'ן פוילישען אידענטום. ווען ער וואָלט כאָטש געווען דערלעבט צו זעהן דעם סוף פון נאַציזם, די נקמה פאַר'ן פאַרגאָסענעם אידישען בלוט, די נקמה פאַר דעם גרויל פון די נאַצי־פאַרברעכענס אין דעם לאַנגען פינסטערען קאָשמאַר. ווען ער וואָלט כאָטש געווען דערלעבט צו זעהן דעם נס פון דעם פּערטעל מיליאָן פוילישע אידען געראַטעוועטע פון דער קאַטאַסטראָפע.

ער האָט אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה מיט דער אַלטער פראַגע פון איכה: „אם יש מכאוב כמכאובי״ — איז דען פאַראַן אַזאַ וועהטאָג ווי מ י י ן וועהטאָג . . .

III

זכות אבות

זכות אבות, איז ביי אַלע פעלקער, באַזונדערס ביי אונז אידען, א וויכטיגער ענין. אין זכות פון אונזער אור־פאַטער אברהם, האָט יצחק אבינו געהאַט זיינע צוויי זיהן עשו און יעקב. רש״י זאָגט אונז: „אינו דומה תפלת צדיק בן רשע לתפלת צדיק בן צדיק״ (בראשית כ״ה כ״א). אפילו סאָציאַליסטען און ליבעראַלען וואָס זענען ניט באַגייסטערט פון דער ראַסען־טעאָריע, בפרט נאָך אין איהר פאַשיסטישער אינטערפּרעטאַציע, אפילו זיי, גלויבען, אז יעדער ניי־געבוירענער מענש, ברענגט מיט זיך געוויסע סימנים פון זיין נאַציע, אזעלכע, וועלכע געהען איבער בירושה דורך דעם בלוט פון די עלטערען, גייסטיגע אייגענשאַפטען; פונקט ווי דער עפּעל, איז די נאַטירליכע פרוכט פון דעם עפּעלבוים. כ׳האָב אָבער נאָך ניט געזעהן א רב, וואָס זאָל זיך אזוי גרויסען און זאָל אזוי פאַרהערליכען יחוס, ווי ר׳ צבי יחזקאל מיכעלזאָן ז״ל, וועלכער האָט ממש געקענט זיין יחוס אויף דורות צוריק, געווען באַקאַנט מיט דער גאָר ווייטער פאַרגאַנגענהייט אין זיין משפחה־לעבען און זיך מיחס געווען מיט די גאָר גרויסע רבנים פון עטליכע עפּאָכעס. קענענדיג און פאַרשענדיג זיין אייגענעם יחוס, האָט ער זיך אויך אלס רעזולטאַט, באַמיהט צו קענען בכלל דעם אָפּשטאַם פון פאַרשיידענע גדולים, צו שרייבען גרויסע און קלענערע מאָנאָגראַפיעס, כראָנאָלאָגיעס, ביבליאָגראַפיעס און אָפּשאַצונגען — א סאָרט ארבייט וואָס גאָר ווינציג רבנים האָבען זיך דערמיט אָפּגעגעבען, האָט ער געהאַלטען עס פאַר וויכטיק גענוג צו שטודירען און אפילו זיין פּעדאַנטיש. די מעהרסטע רבנים, האָבען דאָס געהאַלטען פאַר אומזיסטען צייט־פאַרטרייב, פאַר „ביטול תורה״. אנדערש האָט דערויף געקוקט הרב מיכלזאָן, וועלכער האָט ס׳רוב יאָהרען אוועקגעגעבען פאַר אַט אַזעלכע אַרבייטען פון „קורא הדורות״־פאַרנעם, אָבער וועגען דעם ווייטער. פריהער לאָמיר זעהן זיין אייגענעם יחוס.

ווי געזאָגט, האָט הרב מיכלזאָן שטאַרק געהאַלטען פון יחוס און נאָכמער פון „כבוד הורים״. אויף די הילעס (שער־בלעטער) פון זיינע ספרים, שרייבט ער אַרויס זיין יחוס אַלס אָפּשטאַם פון באַרימטע רבנים־גאונים און הייליגע רביים. ער האַלט זיך פאַר אן אייניקעל פון תוספת יו״ט 3), פון ב״ח 4), פון מהרש״ל 5),

3) ר׳ יום טוב ליפּמאַן העלער־וואַלערשטיין, זון פון ר׳ נתן העלער, איז דער מחבר פון פיל גאונישע ספרים. זיין קרוין ווערק „תוספות יום־טוב״ באַשטעהט פון גאונישע קאָמענטאַרען און אינטערפּרעטאַציעס אויף דער משנה.

ער איז געבוירען געוואָרען אין וואַלערשטיין, בייערן אין יאָהר של״ט (1579) און

הרב מיכלזאָן

דאָס בילד איז גענומען געוואָרען פון באַרימטען שריפטשטעלער אַלטער קאַציזנע, פילפאַכער שרייבער פון פאַר־מלחמה׳דיגען פוילען.. ער איז אומגעקומען אויף אַ טראַגישען אופן אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע, דעם 7־טען יולי, 1941. (אַ גענויע באַשרייבונג וועגען זיין גרויזאמען טויט דערשינען אין „דאס נייע לעבען״, לאָדזש 1945, נומ. 10, געשריבען פון נחמן בליץ).
דאָס בילד פון הרב מיכלזאָן איז געדרוקט געוואָרען אין „פאָרווערטס״ קונסט ביילאַגע דעם 9־טען מאַי, 1927, אונטער׳ן קעפּעל „בילדער פון אידישע טיפּען״.

פון מהר״ם פּאַדואַ 6), פון מהר״י מינץ, פון רבי׳ן ר׳ שמעלקא ניקלשפורגער 7), פון חכם צבי 8), פון לובלינער מגיד ר׳ דובעריש היילפּעריז, (אייניקעל פון

איז נפטר געוואָרען אין קראָקע אין יאָהר תי״ד (1654), אין עלטער פון 75 יאָהר. ער איז געווען רב אין ניקעלסבערג, ווין און אין פּראַג. צוליב אַ מסירה אויף זיין ספר „מעדני מלך ולחם חמודות״, ער זאָל זיך האָבען דאָרט אויסגעדריקט מיט באַליידיגענדע ווערטער קעגען דער קריסטליכער אמונה, האָט ער אין יאָהר 1629, געמוזט פאַרלאָזען דייטשע שטעט און געוואָרען צוערשט רב אין נעמיראָוו, נאָכדעם אין לודמיר און לסוף אין קראָקע, וואו ער איז אָנגעקומען ל׳ שבט הת״ד (1644). דער טאָג איז ביי זיינע קינדער באַטראַכט געוואָרען אַלס יו״ט. זעה ר. אַבראַמאָוויטש „די פאַרשוואונדענע וועלט״, בילדער אַלבום, ז. 203, קבר פון ר׳ יו״ט ליפמאַן העלער אויפ׳ן רמ״א בית עולם.

4) ר׳ יואל יפה-סירקיש איז איינער פון די הלכה-זיילען, קאָמפּילאַטאָר און באַגרינדער פון „שולחן ערוך״, מחבר פון בית חדש (ב״ח). ער איז געבוירען געוואָרען אין לובלין אין יאָהר שכ״א (1561), געווען רב אין אוסטראהא, לעמבערג און לסוף אין קראָקע, וואו ער איז נפטר געוואָרען כ׳ אדר הת״א (1641). זיין איידים ר׳ דוד הלוי, מחבר פון טורי זהב (ט״ז) אויף „שלחן ערוך״, אויך אַ גרויסע רבנישע פּערזענליכקייט, איז געבוירען געוואָרען אין לודמיר און איז אַ צייט געווען רב אינם קליינעם שטעטעלע אליק וואָס איז לויט דער לעגענדע געראַטעוועט געוואָרען אין זיין זכות.

ס׳ווערט דערציילט, אַז כמעלניצקי׳ס רוצחישע באַנדעס, האָבען זיך אין אַ געוויסען טאָג פון שנת ת״ח דערנענטערט צו אליק און געוואָלט אויס׳הרג׳ענען דעם אידישען ישוב, ווי זייער שטייגער איז געווען. איז אין יענעם טאָג גראָד דער ט״ז געזעסען אליין אין בית מדרש און געלערנט, און ס׳איז איהם באַפאַלען אַ שטאַרקער שלאָף. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער אויף דער גמרא וואָס איז געלעגען אויפ׳ן שטענדער געפונען אַ צעטעלע, וואָס מען האָט איהם פון הימעל אראָפּגעוואָרפען, אין וועלכען ס׳איז געווען אָנגעשריבען דער פסוק: „וגנותי על העיר הזאת למען דוד עבדי״ — איך וועל באַשיצען די דאָזיגע שטאָט צוליב דוד׳ן (דוד, דעם ט״ז׳ס נאָמען) מיין קנעכט. די שטאָט אָליק איז על-פּי-נס געראַטעוועט געוואָרען.

וועגען חכמי אוסטראָהא ולבוב (לעמבערג) נאָכקוקען: „ערים ואמהות בישראל״ חלק א׳ בעריכת הרב י. ל. הכהן פישמאַן; אויך מיין אַרבעט וועגען מהרש״ל לובלין.

5) ר׳ שלמה לוריא (געב. אין דייטשלאַנד אין יאָהר הר״ס — 1500; נפטר געוואָרען אין לובלין השל״ד 1573), איז געווען די גרעסטע רבנישע אויטאָריטעט אין זעכצענטען יאָרהונדערט. צוזאַמען מיט זיין חבר, דעם רמ״א, האָבען זיי באַהערשט די מחשבה און נשמה פון דעמאָלסטדיגען אידענטום. ער איז איינער פון די הויפּט חכמי לובלין, גרונטלייגער פון רבנות און ישיבות אין פּוילען, מחבר פון די ספרים „ים של שלמה״, „חכמת שלמה״, „הגהות און פּרושים״, „סדר התפלה״ א.א. פּסקים און הלכות. דער סמ״ע (ר׳ יהושע פולק כהן) שרייבט אין זיין הקדמה „למדתי אצל שארי רמ״א, ואחריו בכנסתי לפני ולפנים אל היכל קדשו של מהרשי״ל״. דער רי״ם, פאָטער פון גערער רביאישע דינאַסטיע (תקנ״ט — תרכ״ו), האָט זיך שטאַרק געוואונדערט אויף דעם לשון. זעה חבלים בנעימים, ד׳ סימן פ״ו. ביי אַן אַנדער געלעגענהייט — אין מיין לובלין-סעריע — אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע וועגען מהרש״ל.

6) ר׳ מאיר פּאַדואַ, באַריהמטער רב אין איטאַליע, אייניקעל פון באַריהמטען גאון מהר״י מינץ (נפטר הרס״ט), פון דער באַריהמטער רבנים-משפחה מינץ-קאַצענעלבויגען, פאַרצווייגט אין איטאַליע, דייטשלאַנד, פּוילען, וועלכע האָט אַרויסגעגעבען אויסער רבנים, וויסענשאַפטסלייט, דיפּלאָמאַטען ווי ר׳ שאול וואהל, דעם איין-טאָגיגען קעניג פון פּוילען.

7) ר׳ שמואל-שמעלקא הורוויץ, באַריהמטער רב פון ניקלסבורג, גרונטלייגער פון פּוילישען חסידות, ברודער פון ר׳ פּינחס הורוויץ, רב אין פראַנקפאָרט-אַם-מיין, דייטשלאַנד און מחבר פון באַריהמטע פּלפול ספרים „הפלאה״ און „המקנה״ — וועגען זיי אין מיין חסידות פאָרשונג.

8) ר׳ צבי אשכנזי, פאָטער פון ר׳ יעקב עמדין, נאָך אַלס קינד ביים זיידען ר׳ אפרים הכהן פון ווילנא, מחבר פון ספר „שערי אפרים״, אַרויסגעוויזען געניאַלע פעהיגקייטען.

ער איז געווען רב אין פאַרשיידענע שטעט, צווישען זיי אין אַלטונאַ, האַמבורג, וואַנזבעק (אה״ו), דייטשלאַנד און אין אַמסטערדאַם, האָלאַנד. אַ סך געליטען פון מחלוקת און

(מחבר פון „סדר הדורות״) און פון פיל־פיל אנדערע. דערמאנענדיג זייערע נע־מען, דערמאנט ער זיין אנגעהעריגקייט צו זיי. וועגן פיל־פיל גדולי הדור פון פאר און אין זיין צייט, שרייבט ער מיט׳ן לשון „ש״ב״ (וואס מיינט משפחה־פאר־וואנדשאפט). אז ער דערמאנט דעם ליסער רב ר׳ יעקב9) אז ער האט אנגעזאגט אין זיין צוואה צו דערווייטערן זיך פון רבנות, דערמאנט ער איהם „ש״ב הגאון מליסא ז״ל״. אמת, ניט איינמאל שמייכעלט זיך ווען מען זעהט, ווי דער מענש באמיהט זיך אנצואווייזען זיין גרויסען יחוס; ניט איינמאל פיהלט מען אז דאס איז אפשר בטלנות, כאטש ווייט פון וועלכע עס איז „יוהרא״ — אבער הלואי וואלטען מיר געהאט א סך אזעלכע בטלנים, און אונזער ליטעראטור וואלט פיל בארייכערט געווארען היסטאראגראפיש. מיר וואלטען בעסער געוועזן באקאנט מיט׳ן לעבען פון אונזערע גדולים וואס וואלט אונז א סך געהאלפען צו פארשטעהן בעסער זייערע ווערק. וויפיל מאנאגראפישע ארבייטען דער מענש האט עס אנ־געשריבען, ארבייטען, מיט וועלכע משכילים און וויסענשאפטלער מוזען זיך באנוצען.

צענדליגע „תולדות״ פון „גדולי הדור״, האט ער פארעפענטליכט. הונדער־טער וויכטיגע דאקומענטען אויפגעזוכט, פשוט אנטדעקט, א סך פנקסים פון אלט־פוילען באארבייט, אנאליזירט און פארעפענטליכט. ער האט געזוכט צו דערגעהן דעם מקור מחצבתו, א רייכע, פארצווייגטע משפחה — אבער שרייבענדיג וועגן זיין משפחה, דערוויסען מיר זיך בכלל וועגן דער השתלשלות פון גדולי ישראל. זיין אפשטאם ציהט זיך אזש פון אמסטערדאם (חכם צבי) פון פראנקפורט אם־מיין (ר׳ פינחס הורוויץ, מחבר פון הפלאה) פון קראקע און לובלין ביז דעם קליי נעם שטעטעל בילגארייַ, וואו זיין זיידע ר׳ שמואל אליהו שווערדשארף, זוהן פון ר׳ אליעזר לובלינער, מחבר פון „דמשק אליעזר״ האט געוואוינט. עס איז א ווייַ־טער מהלך. פיהרענדיג אונז אויף אט דעם וועג, באקענט ער אונז מיט דעם גאנ־צען אפצווייג פון די גאונישע רבנים און בארימטע פערזענליכקייטען פון דורות. זיינע פיל זכרונות און די פארשיידענע תולדות, אויך די פארשיידענע באשריי־בונגען פון משפחות, ניט געקוקט דערויף וואס זיי זענען ניט געשריבען סיסטע־מאטיש, אויף א וויסענשאפטליכען אופן, ווערען שטענדיג דינען פאר וויכטיגען פארשונגס־מאטעריאל, דורך וועלכען מ׳וועט קענען באלייכטען געוויסע קאפיט־לען אין דער אידישער געשיכטע. פיל פון זיינע פארעפענטליכטע כתבי־ידן בא־

געמוזט פארלאזען די שטאט (זעה שו״ת חכם צבי סימן ע״ד; מוהר״ם זוסקינד סימן ל״ג). אין די לעצטע יאהרען געוועזן אין לעמבערג וואו ער איז נפטר געווארען אין יאהר תע״ח.

9) ר׳ יעקב פון ליסא, בארימטער פוסק אין 18־טען יאהרהונדערט, אייניקעל פון חכם צבי, מחבר פון די ספרים „חוות דעת״, „נתיבות״, סדור בית יעקב״, „פירוש אויף אלע מגילות״ און אנדערע ספרים. ער איז געוועזן חבר און ידיד פון ר׳ עקיבא איגר (געבוירען אין אייזנשטשאט, אונגארן 1761; נפטר געווארן אין פויזען 1837). ר׳ יעקב ליסא׳ר איז נפטר געווארען כ״ה אדר תקצ״ב.

רייכערען אונזער געשיכטליכע רבנ׳ישע ליטעראַטור אין די לעצטע צוויי יאָהרהונדערטער.

אין די ראַמען פון מיין איצטיגער ארבייט, איז אונמעגליך אויסצושעפּען אפילו א טייל פון אַט דעם רייכען און אינטערעסאַנטען מאַטעריאַל. ס׳לוינט זיך אָבער צו דערמאָנען איניגע אַזעלכע דאָקומענטען אלס מוסטערען. אין „הר הבית״ (ז. 34) דרוקט ער אָן אלטע צוואָה פון זיין אור־זיידען ר׳ לייב, אַמשטער־דאַמער רב, דער זיידע פון אַ ריי באַריהמטע רבנים; איינער ר׳ מרדכי זאב (לעמבער־גער רב). דער דאָזיגער רב, פאַנגט אָן זיין צוואה מיט די ווערטער: „אמר המשורר אדם ביקר בל ילין, וגם שלמה בנו כמוהו אמר, כי גם לא ידע האדם את עתו . . . לאשר אני מדוכה ביסורים קשים, שנתיסרתי בהם ממש רוב שנותי וקבלתי אותם תמיד באהבה וחיבה . . . הנני מוסר נפשי ורוחי ונשמתי לכבוד אל חי בורא העולם שתשיב אל המקום מקור מחצב משכלת . . . והנני בא גם בזה לצוות אל בית . . . יחוסי ארץ נוחי נפש, נשמתם עדן תתענג בדשן נפשכם . . . הנני מניח אחרי סך שלשה מאות הגריין שפעציין במזומנים, מזה אני מפריש תחלה . . . מאה הגריים שפעציין לזכות בהם את נשמתי, לקיים והלך לפניך צדקך . . . 10).

אין „הר הבית״, דרוקט ער אַ צאָהל בריוו צו איהם און פון איהם און אויך בריוו פון באַרימטע רבנים מיט הונדערטער יאָהרען צוריק וואָס זיינען געווען אין זיין באַזיץ. אין „תירוש ויצהר״ (ז. 91־92) דרוקט ער אַ פנקס החייטים א. א. אר־כיוואַרע מאַטעריאַלען.

ער האָט שטאַרק געהאַלטען פון כבוד אב־ואם און ווי ווייט מעגליך פאַר־אייביגט זייער אָנדענק דורך באַשרייבען טייל פון זייערע ביאָגראַפיעס. אין זיינע ספרים באַשרייבט ער אויך די פּטירה פון זיין מוטער און פון זיין פרוי. וועגען דער לעצטער, שרייבט ער מיט שטאַרקע ווערטער און פאַרעהרונג, באַקלאָ־גענדיג דעם טויט פון זיין אשת נעורים החסידה . . . „ צנועה ומלומדת, מחמד עיני נות ביתי . . . ועולם חשך בעדי, והייתי צר וסופד על אבידת מרגלית כזו שכמעט היתה יחידה בדור . . . רבות בנות עשו חיל והיא עלתה על כלנה״. ער ברענגט דאָרט דעם נוסח פון זייערע מצבות, וואָס זיין פריינט ר׳ דובעריש טורש פון וואַרשע האָט אויסגעאַרבייט און פאַרצייכענט 11), אפילו דאָס פּלאַץ וואו די

10) זעה „הר הבית״ און „פינת הבית״, ז. 4.
11) הנאהבות והנעימות בחייהן ובמותן לא נפרדו.

פ. נ.

מהוללה בעולם זקנה בת שמונים ואחת
רותה תהיה לעולם היא לא מתה לשחת
תופיע שמה במרום במדותיה היקרות
חוטר מגזע קדושים האמות הישרות
נדבות וצדקות לעניים עשתה מלא חפניים.
הוקירה אמונתה הרבה יותר מאישון עינים
בטוב לבה קנתה שם טוב ובנים יקרים

קברים געפינען זיך אויפ'ן גענשער בית עלמין קווארטיר 57, שורה 5, נומער 3־39.

ער האט אפילו פאראייביגט דעם אנדענק פון זיינע שווער־און־שוויגער דורך פארעפענטליכען זייערע בריוו צו איהם, געשריבען אין אידיש געמישט מיט העברעאישע ווערטער און אידיאמען. ער קאפירט אויך אין זיין „הר הבית" (ז. 41) דעם נוסח פון זייערע מצבות אויפ'ן בית עלמין פון בילגעריי וואו זייערע זיידעס, די דארטיגע רבנים, ר' שמואל אליהו און ר' יצחק נתן נטע שווערדשארף, האבען דארט זייער אייביגען מקום 12). ער ליבט זיי שטארק. וועגען זיין שוויגער דריקט ער זיך אויס, אז „אין גומרין עליה את ההלל. אזעלכע טרייע איידימס לויגט זיך צו האבען און עס איז א זכיה.

ווי ווייט וויכטיג ביי איהם איז זכות אבות, איז צו זעהן דערפון, וואס אין זומער תרע"ד (1914), ווען ער איז געווען שטארק קראנק און איז אויפ'ן באפעל פון די דאקטוירים געפארען קיין קארלסבאד צו ערהאלען זיך דורך די ארטיגע בעדער, איז פאהרענדיג קיין לעמבערג, האט ער זיך אפגעשטעלט אין זאלקווא, דארט פארבליבען עטליכע טעג כדי צו זיין אויפ'ן קבר פון זיין זיידען ר' משה צבי הירש מייזעלש, דעם מחבר פון „חמדה גנוזה". אין דער דארטיגער שוהל געפונען אן אויפשריפט פון בעש"ט (1698—1760), וואס ער האט אויפגעשריי־בען בעת זיין באזוך דארט ביים „תבואת שור" 13).

יהל אורה בין אבותיה בתורה מוכתרים
לעולם לא תשכח פה בארצות החיים
אלהים יזריח הודה והדרה בגנזי השמים
היא האשה הצדיקת מרת חנה בילא בת מ' שמואל אליהו ז"ל, אם הרב
הגאון מ' צבי יחזקאל מיכלזאן שליט"א אבדק"ק פלונסק, וכעת בועד הרבנים
דפה, נפטרה בשם טוב י"א מרחשון תרפ"ד. תנצב"ה.

פ"נ

הנה במרום בצל היושר השוכן בערבות
יחד תופיע נשמתה עם האמות הנאהבות
נאד דמעות שופכים מכיריה לאלפים
דואבים ומספרים צדקותיה ומעשיה היפים.
אין דוגמתה בעולם נשמע מפי הבריות
סגולה טובה היתה מלאה מדות פוריות
עטרת עולם על ראשה בגן בעדן השמים
רבות בנות עשו חיל והיא עלתה שבעתיים
יום יום עשתה צדקות חדשות לבקרים
לוח לבה כלוחות העדות, קדושים ויקרים.
היא הרבנית הצדיקת מרת הינדא סעריל בת מ' דוד טעביל ז"ל, אשת הרב
הגאון מ' צבי יחזקאל מיכלזאן אבדק"ק פלונסק וכעת בועד הרבנים דפה
שליט"א. נפטרה בשם טוב כ"ח תמוז תרפ"ד. תנצב"ה.

12) דער שווער ר' דוד טעביל איז נפטר געווארען ב' ניסן תרס"ב און די שוויגער גיטל גינענדיל כ"ח תשרי תר"פ. ער האט געצויגען זיין יחוס פון חכם צבי און זי פון ר' משולם זלמן אשכנזי, לובלינער רב.

13) זעה „הר הבית" ז"ז 26—28; „פתח הבית" ז. 18.

ר' אלכסנדר שור, דער זוהן פון ר' אפרים זלמן שור, שטאמט פון מהרש"א. אין דער רבנישער וועלט איז ער באריהמט אלס מחבר פון „תבואות שור" — א האנט־בוך פאר רבנים, מורי הוראה און שוחטים, א גרינטליכע ארבייט אויף „יורה דעה", הלכות טרפות און

זייענדיג אין לעמבערג, האָט ער זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט'ן באַזוכען דעם אָרטיגען בית־הקברות און געווען אויף די קברים פון „חכם צבי'' (ר' הירש אשכנזי), סמ''ע, טו''ז און אַנד. גדולי לבוב. קומענדיג אין קראָקע ווידערהאָלט ער די זעלבע באַזוכען און אַזוי אין אַלע שטעט אויפ'ן וועג צו קאַרלסבאַד, וואו ער איז צוליב'ן אויסברוך פון קריג געבליבען אויף אַ יאָהר צייט און זיך געזעגענגט מיט די ... פון דער פאַמיליע און געפינענדיג זיך אָהן פינאַנציעלע מעגליכקייטען דאָרטען צו שטעהן אין האָטעל, און נאָכדעם געוואָרען אַ ציוויל־געפאַנגענער. ער האָט אָבער געהאַלטען, אַז זכות אָבות איז איהם בייגעשטאַנען אַהיימצוקומען בשלום.

ליידענדיג פון פאַרשיידענע קראַנקהייטען, גלויבענדיג שטאַרק אין די ווערטער פון זיינע אָבות און בכלל אין יעדען „גוטען איד'' האָט ער זיך אין געוויסע צייטען באַנוצט מיט סגולות, וואָס אין אונזערע צייטען קוקט מען דערויף קרום אפילו אין רבנישע קרייזען. דאָס קאָן נאָר דערקלערט ווערען דורך זיין הייסען גלויבען אין די מעשים פון עלטערען. ער האָט אומגעוויינליך פאַרעהרט די דורות פאַר איהם און געגלויבט אפילו אין זייערע סגולות.

הלכות שחיטה. ער איז אויך דער פאַרפאַסער פון אַנדערע ספרים. ער איז נפטר געוואָרען אין זשאלקווו, מזרח-גאַליציע, כ''ז שבט תצ''ז. אויף זיין מצבה זיינען אויסגעקריצט פאָלגענדע ווערטער: מצבת אבן יקרה, הי קרנא דתורה קבורה, מחבר ספר שמלה חדשה, תורה היא וגם פירושה, ספר תבואות שור ובכור שור.

אין זיין „עראינערונגען פון מיין לעבען'', (ניו יאָרק 1936, ז. 8), שרייבט יוסף מאַרגאָשעס:

„2 — מיין מאַמעס משפחה:

„דער סדר היוחסין און דער שורש פון מיין מאַמעס משפחה איז מיר ווייניג וואָס באַקאַנט. אָבער לויט ווי די באָבע יוטעלע . . . האָט מיר דערצעהלט, שטאַמען זיי אָפּ פונ'ם באַריהמטען גאון ר' אלכסנדר שור, דער מחבר פונ'ם ספר „תבואות שור'', אַ באַוואוסטער ספר אויף הלכות שחיטות''.

„זי האָט מיר אויך איינמאָל געוויזען דעם דאָזיגען ספר, וואָס איז געווען געדרוקט אין זשאָלקווע. אַקעגען טיטול-בלאַט זיינען געווען אָפּגעדרוקט צוויי בילדער: פון אויבען, אַן אַלטער איד, אַן עוסק בתורה, און אונטען — אַ גרויסער אָקס, מיט גאָר לאַנגע הערנער. די אונטערשריפט האָט זיך געלייענט אַזוי: „בכור שורו הדר לו'' (דברים ל''ג, י''ז), אַז איך בין עלטער געוואָרען, האָב איך מיר אַ סך מי געגעבען נאָך אַמאָל צו קענען באַקומען דעם דאָזיגען ספר מיטן בילד. ער איז עטליכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרען, אָבער גראַד אָהן די בילדער. (און אפשר איז דאָס גאָר נאָר געווען אַן איינציגע צייכנונג, אין בלויז דעם איינעם פאַמיליען-עקזעמפּלאַר?)''

מיין פריינט ר' יצחק ריבקינד שרייבט„ אַז די ביבליאָטעק פון ניו יאָרקער טעאָלאָגישען סעמינאַר, פאַרמאָגט צוויי עקזעמפּלאַרען פון דער אויסגאַבע זשאלקעוו ת''ר, (1840) איינער מיט און דער צווייטער אָהן דעם בילד. און אַז ער האָט בשעתו צוגעשיקט מאַרגאָשעס'ן אַ פאָטאָסטאַט פון דעם איהם אַזוי באַגערטען און געזוכטען בילד.

„אין דער אמת'ן — שרייבט מיר קאָלעגע ריבקינד — האַלט די ליטאָגראַפיע דריי בילדער:

אויפ'ן ערשטען איז אויפגעשריבען: שמלה לכה קצין תהיה לנו)ישעיה ג', ו')

אויפ'ן צווייטען: ורב תבואות בכח שור (משלי י''ד, ד')

אויפ'ן דריטען: בכור שורו הדר לו (דברים ל''ג, י''ז)

די גרעסערע אותיות ווייזען אויף דעם פרט, דעם יאָהר ת''ד; אויך אין דרייפאַכיגען נאָמען פון ספר, שלמה חדשה, תבואות שור און בכור שור.

IV

פאַרפאַסער פון אומצעליגע ספרים

(ביבליאָגראַף און כראָניקער)

פאַרשידענאַרטיג איז געווען זיין שאַפען, רייך איז געווען די טעמאַטיק פון זיין שרייבען. ער האָט געשריבען הלכה, דרוש, מוסר, חכמת ישראל, היסטאָריאָגראַפיע, מעשות, געשריבען אין העברעאיש־רבנישער שפּראַך און אין אידיש פאַר׳ן המון עם, איבזינען געהאַט אפילו די פרוי, וואָס לייענט בלויז אידיש, אָדער דעם „עברי־טייטש״ פון „צאינה וראינה״. ער פאָלגט נאָך די הלכה ליטעראַטור פון די „גדולי פוילען״, שרייבט „שאלות ותשובות״ אין סכאָלאַסטישען נוסח און סטיל — איהם ציהט אָבער צום פאָלק. ער איז אָרגאַניש פאַרבונדען און געקניפּט מיט די פאָלקס־מאַסען און ער שענקט זיי די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. באַזונדער האָט ער אַ טיפע פאַרשטענדניש פאַר דער פאָלקס ליטעראַטור, פאַר פאָלקלאָר. ער האָט אַ חוש פאַר פילאָלאָגיע (זאָל זיין אין דעם פּרימיטיווען זין), און האָט ליב אויפצוזאַמלען אוצרות פון דער עלטערער אידישער ליטעראַטור. ער האָט דאָך אוועקגעגעבען דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען און אויך אוצרות געלט אויף איינצוזאַמלען זעלטענע ביכער און מאַנוסקריפּטען, און וואו נאָר וואו ער האָט געהאַט אַ מעגליכקייט, געמאַכט הערות, פאַרשריבען ספּעציעלע נאָטיץ־פּאַפּירלאַך און פון צייט צו צייט געלאָזט הערען פון זיך דורך אַ ניי־דערשינען ספר.

אין פאַרשיידענע צייטען זענען דערשינען זיינע גרעסערע און קלענערע ווערק, אויך מעשה ביכלעך, כראָניקס און מאָנאָגראַפיעס און אַנד. עובר לסוחר מאַטעריאַלען. ער האָט זיך אויך באַטייליגט אין פאַרשיידענע צייט־שריפטען, תורה־זשורנאַלען, היסטאָרישע שריפטען און אין שו״ת ספרים. אין אָנהויב פון זיין פריהער דערמאָנטען „הר הבית״, רעכענט ער אויס אַלע זיינע ספרים, אַלע זיינע גרעסערע מאמרים און „תולדות״ באַשרייבונגען, אַלע זיינע „קונטרסים״, וואָס זענען אריין אין ספרים פון אַנדערע מחברים.

פון די מערסט באַקאַנטע ספרים זיינע, זענען אונז באַקאַנט די ספרים „דגן שמים״ (תרס״א), „אבן יחזקאל״, „מסורת ההגדה״, „דברי השירה״, „בית צדיק״, „כבוד הבית״, „צפחת השמן״, „חוסן רב״, „גבעת פינחס״ וועגען ר׳ פינחס׳ל קאָרעצער, הגהות אויף ש״ס און משניות, שו״ת „בית יחזקאל״ (352 זייטען, פּיעטרקוב תרפ״ד); „פינות הבית״ (344 זייטען, תרפ״ה); דאָס באַריהמטע ספר „תירוש ויצהר״ (גרויסען פאָרמאַט שו״ת קרוב צו 500 זייטען דערשינען תרצ״ג); „בית צדיקים״, מאָנאָגראַפיע וועגען דער פאַר־

צווייגטער מרגליות משפחה, וועלכע רעכענט זיך אַלס אָפּשטאַמיגע פון מאיר נתיבים; הסכמות, הערות צום ספר נפלאות היהודי און פיל פיל אַנדערע קלענערע און גרעסערע ספרים 14) אָבער חוץ די טויזענטער פאַרעפענטליכטע זייטען אין ספרים און פאַרשיידענע צייטשריפטען, האָט ער געהאַט פאַרטיג צום דרוק כמעט נאָך אַזוי פיל אין מאַנוסקריפּט און אויך געהאַט אין באַזיץ מאַסען מאַטעריאַלען, זעהר וויכטיגע, פאַר פאָרש־אַרבייטען וועגען רבנות ביי אידען און וועגען חסידות.

מיר ווייסען פון זיינע נאָך־ניט געדרוקטע ספרים, וועלכע ער דערמאָנט, ווי זיי וואָלטען געווען געדרוקט: „אמרי יחזקאל״ אויף תורה און הפטרות, „מעט צרי״ אויף תנ״ך, שו״ת מהדורא תנינא; אַ ספר אויף דעם „ריקאַנטי״, ספר הכללים אויף אַ צאָל סוגיות אין ש״ס, דרושים א. אַ. ספרים. ער האָט אויך געגעבען צענדליגער הסכמות אויף ספרים און רעדאַגירט און אַרויסגעגעבען ספרים פון גדולי ישראל. איין ספר אַזאַ וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען דורך דעם „מרכז מפיצי תורה ודת בפולניה״ אין יאָהר תרצ״ד, איז דאָס ספר „עלה דיונה״ פון זיין עלטער־שוועהר, דעם באַריהמטען קעמפּנער רב, ר׳ ישראל יונה לאַנדאַ ז״ל. דאָס ספר איז אויף אגדות תלמוד ירושלמי און אַנדערע חדושי תורה. דער מחבר איז אויך באַרימט מיט זיינע אַנדערע ספרים: „מעון הברכות״ (געדרוקט תקעו אין דירנפורט. „שירת ישראל״ (דפוס ירושלים תרנ״ז), „עין הבדולח״ (פיעטרקוב תרס״א).

דער דאָזיגער ר׳ ישראל יונה איז געווען אַ קרוב צום „נודע ביהודה״, (ר׳ יחזקאל לאַנדאַ, פּראַגער רב), שטאַמען פון אַפּט. באַריכות וועגען דער לאַנדאַ־קאַצענעלבויגענס־איטינגאַ משפחות אין ספר דעת קדושים פון ישראל טובי׳ אייזענשטאַדט, ז״ז 119־127 אין „הפסגה״ חוברת א׳, ז׳ ווילנא תרס״א, 1900, לויבט דער רעדאַקטאָר הרב הלל דוד הכהן דעם ספר „שירת ישראל״ געדרוקט אין ירושלים אין דער דרוקעריי פון י. ד. פרומקין.

אין זיין הקדמה צום ספר גיט ער אונז עטליכע וויכטיגע ביאָגראַפישע פאַרצייכנונגען וועגען אַט דעם ר׳ ישראל יונה ז״ל. ער ברענגט דאָרט אינטערעסאַנטע ביבליאָגראַפיע און אויטענטישע באַווייזען פון זיין קרוב ר׳ יוסילי ליכטענשטאַט פון לובלין, דעם גרויסען בקי אין יחוס, אויף וועמען דער סעראַצקער רב האָט געזאָגט, ז: „נהירין לי׳ שבילי דיחוסא כשבילי דמתיה״. די הקדמה איז געשריבען אויף אַ וויסענשאַפטליכען אופן. צום סוף ברענגט ער אַ צאָל בריוו פון באַרימטען פּויזנער רב ר׳ עקיבא איגר צו דעם קעמפּנער רב ר׳ ישראל יונה (איין בריוו איז דאַטירט „כ״ד אלול ע״ח״ און דער אַנדערער בריוו „יום א׳ א׳ דר״ח מרחשון תקפ״א״). ער טיטולירט דעם ר׳ ישראל יונה „הרב המאור הגדול

14) אייניגע ספרים האָב איך באַקומען פון איהם אלס מתנה אין יאָהר 1930, ווען ער האָט מיר געגעבען סמיכת־חכמים (רבנות־דיפּלאָמאַ); אַ טייל ספרים האָט מיר אויסגעבאָרגט צו דער אַרבייט מיין פריינט־קאָלעגע ר׳ יעקב יצחק וואָהלגעלערנטער.

הגאון המפורסם, נר ישראל״. אין ביידע בריוו פאַרלאַנגט ער פון איהם, ער זאָל שיקען קמיעות פאַר קראַנקע. אייַן קמיע פאַר אַ בחור פון 16 יאָהר אַלט, קראַנק אויף ,,חולי נופל ר״ל״; די צווייטע קמיע פאַר אַ פרוי וואָס איז אַראָפּ פון זינען ,,מטושטשת בדעת״, פאַר וועלכער דאָקטוירים געפינען ניט קיין מעדיצין. דער באַרימטער גאון פון פויזנאַן חתמ׳עט זיך ,,הק׳ עקיבא גינז מא״ש״. די חולי־נופל (עפּילעפּסיע, פאַליגע) איז אַ שרעקליכע קראַנקהייט. פיל מענשען און צדיקים פון דור האָבן געזוכט עצות ווי אַזוי צו פטר׳ן די קראַנקהייט.

אין דעם ספר ,,איגרות סופרים״ (בריוו פון די איגר־סופר משפחות, צוזאַ־מענגעשטעלט פון שלמה סופר), איבערגעבענדיג דעם נוסח פון די בריוו צום מהר״י לאנדא, גיט דער רעדאַקטאָר—מלקט אַ נאָכבאַמערקונג, אַז אויך ר׳ עקיבא איגר, פלעגט געבען קמיעות, נאָר צוליב עניוות, האָט ער דאָס איבערגעגעבען צו ר׳ ישראל יונה לאנדא; ,,אמר הסופר: ולמודעי אני צריך, כי לא זר היה מק״ז רעק״א ז״ל ענין הקמיעות, כי גם הוא נתן לפרקים קמיעא בשעת הדחק, אמנם מרוב ענותנותו בכל מה שיכול לפטור עצמו מן הדיז עשה ופרק מעל צוארו והטיל משא דבר ה׳ על אחר שאתמחי גברא ואיתמחי קמיעא שלו, כמו הגאון מהר״י לאנדא ז״ל הנ״ל״.

צום סוף פון ספר ברענגט ער פאַרשיידענע מעשה׳לאך און ,,מופתים״ פון קעמפּנער רב, אויך אַז ר׳ עקיבא איגר זאָל געוועזן שרייבען קיין קעמפּנע אויפ־צונעמען אַלס רב זיין זוהן ר׳ יוסף שמואל הלוי לאנדא און אַז דער ווילנער גאון (הגר״א) זאָל געוועזן זיין אַמאָל אין קעמפּנא ביי דעם הרב לאַנדא און בכלל דעם גאַנצען יחוס פון דער דאָזיגער גאונים משפּחה. ניט אַלץ קען אָנגענומען ווערען פאַר אויטענטיש. וועגען דער מעשה פון ווילנער גאון ברענגט ער אַליין, אַז דאָס איז אוממעגליך, ווייל דער ,,מעון הברכות״ איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין קעמפּנא אין יאָהר תקמ״ו, דאָרט געוועזן ביז דער פטירה אין יאָהר תקפ״ד און דער גר״א איז געשטאָרבן געוואָרען אין יאָהר הת״פ און אָפּגעריכט גלות אין דער יוגענט, ווי עס ווערט געבראַכט אין ,,עליות אליהו״. דער שווער פון קעמפּנער רב איז געוועזן דער באַרימטער רב און גביר ר׳ שמואל פּ ר ץ, ברודער פון מקובל ר׳ ארי׳ ליבוש פּרץ פון לעווערטאַוו (לעברטוב), זוהן פון באַרימטען פּרנס משה פּרץ פון לעברטוב לעבען לובלין, ברודער פון ר׳ ישראל פּרץ, דער שווער פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, (מחבר פון ,,קדושת לוי״) וועלכער איז אויך געוועזן לעווערטאָווער רב. אַן אינטערעסאַנטע פאַרצווייגטע משפּחה. די ביבליאָגראַפיע און יחוס איז פון גרויס קולטורעלען ווערט 15).

15) איבערהויפּט וועט די אַרבייט נוצליך זיין פאַר פּרץ פאָרשער, פאַר דעם פאָרשער פון י. ל. פּרצ׳עס שאַפען און אָפּשטאַם — ער זאָל נאָך גאָר שטאַמען פון לעווערטאָוו פון דער אָרטיגער פרום-אַריסטאָקראַטישער פּרץ משפּחה. לעצטענס איז אין פּאַריז, פראַנקרייך, דערשינען אַן אָנדענק בוך נאָך די לעווערטאָווער קדושים. לעווערטאָוו (לובאַרטאָוו), איז אַ באַקאַנט שטעטעל ביי לובלין.

אין דעם העברעאישען זשורנאַל ,,נרות שבת״, (שנה ששית, כרך ה׳, קונטרס קי״ז,

אין דעם זעלבען נוסח און סטיל שרייבט ער זיינע אַנדערע מאָנאָגראַפיעס איבער פאַרשיידענע אידישע גדולים און די קורצערע ביאָגראַפישע אריינפירען ביי פאַרשיידענע ספרים. ער שרייבט ניט ווי אַ פאַכמאַן, ווי אַ פאָרשער. ער איז ניט דער וויסענשאַפטסמאַן, וואס זאָל באַנוצען וויסענשאַפטליכע מעטאָדען, דעם וויסענשאַפטליכען סדר, ער שרייבט אַלטמאָדיש — מ׳קען איהם אבער דאָך פאַררעכענען צווישען די געציילטע, גאָר ווייניגע אַלזייטיגע שרייבער, ספּעציעל צווישען רבנ׳ישען קלאַס, האָבענדיג אַזאַ גוואַלדיגען אינטערעס צו אַזאַ סאָרט ליטעראַרישער אַרבייט וואס איז פאַרבונדען מיט אסך שוועריגקייטען און פאָדערט אַ סך אַנשטרענגונג אין באַאַרבייטען אַזאַ פאַרוואָרלאָזט, ניט צעאַקערט פעלד.

ס׳ליגט פאַר מיר דאָס ספר „זכרון שמואל״ (וואַרשע 1908) פון אָסטראָוו־צער רב ר׳ שמואל שמרי׳ שמערל, תלמיד פון קאָזשעניצער מגיד און רבי פון לובלין ר׳ יעקב יצחק הורוויץ, איינער פון די אַנגעזעהנסטע רבנים אין פוילען 16) איז דאָרט דאַ צווישען אַנדערע הסכמות אויך אַ הסכמה פון הרב מיכלזאָן מיט אייניגע נאָטיצען וועגען דעם מחבר׳ס אָפּשטאַם. איהר האָט דאָרט אין דעם איין־און־אַ־האַלבען זייטעל אַ גאַנצען צווייג פון שלשלת היוחסין, אָנפאַנגענדיג פון „בית שמואל״, רמ״א, רבי ר׳ העשעל ביז צו רש״י, („דור ל״ג לר׳ יוחנן הסנדלר״), הלל הנשיא — און ביז ער פירט צו צום „נעים זמירות ישראל״ צו דוד המלך.

ער איז געווען דער ליידענשאַפטליכער רבנ׳ישער ביבליאָפיל. זיין פאַר־מעסט, זיין אַרבייטס־קראַפט, ווי שוואַך און קרענקליך ער איז געווען, איז געווען גוואַלדיג און אויף דעם געביט פון רבנ׳ישע ביבליאָגראַפיעס און מאָנאָגראַפיעס איז ער געווען, איינער פון די פּיאָנערען.

אמת, אין זיינע מעשה׳לאַך פעלען ניט קיין גוזמאות, טייל פון זיינע ביבלי־אָגראַפישע און כראָנאָלאָגישע אַרבייטען זענען ווייט פון צו זיין וויסענשאַפטליך־פּינקטליכע; ער איז אויך ניט דער מצמצם, קלייבער פון ווערטער, ער איז ניט אַ פאַכקענעוודיגער אַרכיטעקטאָר פון גוטען זאַץ און אָפטמאָל ווידערהאָלט ער זיך. אָפטמאָל איז ער מאריך, דאָרט וואו מ׳קען מקצר זיין, אָבער דאָס ענדערט ניט זיין ווערט און באַדייט פאַר אונזער קולטור־געשיכטע, פאַר אונזער ליטעראַרישען שטודיום. ער האָט דאָך געעפענט פאַר אונז נייע רעזערוואָרען פון אומבאַקאַנ־

כ״ב מרחשון, תש״ח, ירושלים), אין זיין סעריע „הגר״א״, ציטירט הרב ש. ב. שולמאַן אַט די אינטערעסאַנטע לעגענדע צו תולדות הגאון זצ״ל, און באַמערקט גאָרנישט, אַז דאָס האָט גאָרניט געקענט פּאַסירען ביים ווילנער גאון און קעמפּנער רב, זעה „עלה דיונה״ ז. ל״ז, דעם צושריפט פון מונקאַטשער רב ר׳ חיים דובער גראָס, אַז דאָס האָט אַודאי פּאַסירט מיט אַן אַנדערען באַהאַלטענעם גאון, ווי דער שטייגער איז דאַמאָלט געווען ביי גאונים אָפּצוריכטען גלות.

16) ער האָט געלעבט 89 יאָהר. געווען פופציג יאָהר רב אין אָסטראָווצע, נפטר גע־וואָרען כ״ט סיון תר״ז.

טער עשירות פון פאלקס מעשיות, געשיכטעס פון גרויסע אידישע פערזענליכ־קייטען, וואס מיט זיי איז פארבונדען אידישע געשיכטע, שפריכווערטער, וועלכע זענען שוין כמעט ווי פארגעסען געווארען, זענען דורך זיין זכרון און ערודיציע אין הויפענס מעשה׳ביכלעך באנייט און אויפגעלעבט געווארען.

געשריבען האט ער, ווי דערמאנט, זעהר א סך, אויב ניט אייגענע ספרים, צושריפטען צו ספרים פון אנדערע מחברים, אזוי אין די ספרים פון ר׳ ישראל בערגער (עשר קדושות, עשר אורות, עשר צחצחות, עשר עטרות), באשרייבונגען פון א וואסערע פערציג רביים, די אבות פון חסידיזם; אזוי אין „שם הגדולים החדש״ פון ר׳ אהרן וואלדן, נאכפאלגענדיג דאס בארימטע ווערק פון ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי (חיד״א). דארט דריקט ער דעם „קונטרס התקנות״ פון ווארשעווער קהלה אין יאהר תרמ״ו, צו פארמיידען לוקסוס לעבען, צו קארגען אין שמחות־סעודות, ניט אויסצוגעבען צופיל געלט אויף קליידונג, חתונות, אויפרופען א. אז. וו. אזא ענליכע תקנה האט אויך דער „נודע ביהודה״, ר׳ יחזקאל לאנדא איינגעפיהרט אין פראג 17). אין ספר „יכבד אב״, א צוגאב צום דערמאנטען „שם הגדולים החדש״, האט ער אויך פארעפענטליכט צום ערשטען מאל א „מגילת הנס״, געשריבען אין כתב־יד פון קעמפנער רב, וועמעס ביאגראפיע ער האט געדרוקט אין ספר „עין הבדולח״ אלס אריינפיר און אין זיינע הקדמות צו די ספרים בית יחזקאל און פינות הבית. אין דער מגילת הנס ווערט איבערגעגעבען ווי דער קעמפנער רב ר׳ יוסף שמואל לאנדא מיט זיינע חברים, זענען אמאל, פארענדיג שושן פורים אויף א געפרוירענעם טייך, אריין אין וואסער, שיער דער־טרונקען געווארען, נאר על פי נס געראטעוועט געווארען.

ער האט דארטען אנדערע וויכטיגע באמערקונגען, נאטיצען און ביאגראפישע צוגאבען. ווער עס נויטיגט זיך אין עפעס א כראנאלאגישער קוועלע דארף מען ניט מעהר ווי א פרעג טאן און ער דער פענאמענאלער בעל זכרון, גיט באלד דעם ענטפער.

איינער פון זיינע זיהן, ר׳ אברהם חיים שמחה בונם, האט נאכגעפאלגט דעם פאטער, מלקט געווען תולדות, מעשיות, ספורים און גוטע ווערטלאך פון אדמור״ים און רבנים און נאכדעם פארעפענטליכט עטליכע ספרים: „שמן הטוב״ (דערשינען אין יאהר תרס״ה — 1905), א סארט מאנאגראפיע פון די צוויי בארימטע רבנים־רביים, גרונט־לייגער פון פוילישען חסידיזם ר׳ שמעלקי הורוויץ, ניקעלשפורגער רב און ר׳ פינחס הורוויץ, רב אין פראנקפורט ד׳מיין און פון איניגע אנדערע גדולי ישראל; „דובר שלום״ (תר״ע) וועגען ערשטען בעלזער

17) זעה דרושי הצל״ה א׳ ל׳; אהבת ציון דרוש ב׳; יכבד אב״ — שם הגדולים החדש רי״ח. אין העפט „תפארת צבי״ פון מיין פריינט דוד אצאפ הי״ד (ווארשע תרצ״א), דרוקט ער דעם הספד פון זלאטשעווער רב, ר׳ משה אהרן (מחבר פון ספר „אהל משה״) אויף דער פטירה פון בערלינער רב ר׳ צבי הירש, איידים פון חכם צבי, נפטר ד׳ אלול תק״ס.

רבי׳ן ר׳ שלום רוקח, און זיין זון ר׳ יהושע, אויך אייניגע אינטערעסאַנטע כאַראַק־טעריסטישע ווערטלעך פון לעמבערגער רב ר׳ יעקב אָרנשטיין, מחבר פון פּאָפּו־לערן ספר ,ישועות יעקב״ און פון אַנדערע רבנים; ,,אהל אלימלך״ (דערשינען תר״ע), ,,תולדות״ פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזענסק, איינער פון די גרונטלייגער פון בעש״ט׳ס חסידות און גרויסער קענער פון קבלה — אַ לעגענדאַרע פּער־זענליכקייט אין דער חסידישער וועלט, מחבר פון ספר ,נועם אלימלך״ און רבי פון באַרימטע רביים. וועגן איהם זענען פאַראַן אהן אַ שיער חסידישע מעשה׳לאך און אַ גרויסער טייל פון זיי זענען אריין אין דער דאָזיגער זאַמלונג. אויך אַזאַ ענליך ספר האָט ר׳ אברהם חיים שמחה בונם פאַרעפענטליכט וועגן ,,חוזה״ פון לובלין, ר׳ יעקב יצחק הורוויץ, דער רבי פון פשיסכע, קאָצק און שאַפער פון אַ נייעם דרך אין חסידות. דאָס ספר ווערט גערופען מיט׳ן נאָמען ,,אהל רבי״. די אַלע ספרים זענען אַ וויכטיגער בייטראַג צו דער געשיכטע פון חסידות און חסידות־פאָלקלאָר. די דאָרטיגע קיצורים פון ביאָגראַפישע און כראָנאָלאָגישע פאַרצייכנונגען זענען פון גאָר גרעסערען באַדייט. אַ שטיק חסידיש־רבנישע געשיכטע, אַן אוצר פון פאָלקס שאַפען וואָס ער האָט פאַר אונז אויפגעדעקט און אויפגעלעבט.

די דאָזיגע אַלע ספרים זענען פאַרזעהן מיט באַמערקונגען פון זיין פאָטער הרב מיכלזאָן. דער זוהן זאָגט אונז, אַז פיל פון די אַלע ענינים האָט ער גע־הערט פון פאָטער. אינ׳ם ,,שמן הטוב״ האָט דער פאָטער אַ באַזונדערע ביילאַגע אין נאָמען ,,קונטרס צפחת השמן״, לויבענדיג דעם זוהנ׳ס ארבייט, זאָגענדיג: ,,כי בעברי ע״פ ספרך ראיתי כי כל הדברים ממקום קדוש יהלכון וממקורות נאמנים ואמתיים מקובצים״... און גיט צו אייניגע אויסבעסערונגען, צוגאָבען א. אז. וו.

דער סטיל און נוסח פון אָט די ספרים איז דער זעלביגער ווי דעם פאָטער׳ס. ווייזט אויס, אַז דער פאָטער האָט דעם מאַטעריאַל רעדאַגירט. ס׳איז זיכער, אַז אַלץ איז געטאָן געוואָרען אונטער זיין השגחה. ר׳ ישראל בערגער, ציטירענדיג פון ,,שמן הטוב״, דערמאָנט הרב צבי יחזקאל מפלונסק, אַלס מחבר, פאַרגעסענ־דיג, אַז דער ,,שמן הטוב״ איז פון מיכלזאָנ׳ס זוהן. ס׳איז בכלל שווער צו גלויבען אַז אַ יונגערמאַן פון 19 יאָהר (געב. תרמ״ו, ווי אנגעגעבען אין ,,פתח הבית״ ז. 21) זאָל שוין האָבען אַזויפיל ידיעות וועגען אַזעלכע גדולים ווי דער רבי ר׳ שמעלקי און ר׳ פינחס הורוויץ, מחבר פון ,,הפלאה״ און ,,מקנה״. ס׳איז דעריבער קיין ספק ניט אַז די אַרבייט איז מערסטענס געטאָן געוואָרען מיט׳ן כוח פון פאָטער.

צוזאַמענגעמענדיג אַלע אַרבייטען פון הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן, ווייזט זיך אַרויס, אַז די אַרבייטען דאַרפען האָבען אַ געהעריגען רעדאַקטאָר. ווען דער מאַטעריאַל וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען זאָל געווען דורכגעהן די האַנט פון

א דערפארענעמו רעדאקטאר און וויסענשאפטלער, וואלט זייער ווערט געווען צענפאד גרעסער. אלס מוסטער קען אונז דינען זיין מאמר „רבנו שבתי ז״ל, משורר מפרג״ (בעהמח״ס „שפתי חכמים ושפתי ישנים״) וואס ער האט פאר־עפענטליכט אין „דגלנו״ (העברעאיש־ליטעראַרישער אגודה־שריפט אין פוילען) פון שבט תרפ״א. דער דאזיגער ר׳ שבתי שטרים,18) דער זוהן פון קדוש ר׳ יוסף הי״ד (גע׳הרג׳עט געווארען על קידוש השם), וועמעס פאמיליע נאמען איז געווען באס, איז געבוירען געווארען אין דער באקאנטער פוילישער שטאט קאליש אין יאהר ה״א ת״א. אלס קינד האט ער פארלאזט זיין געבורט־שטאט און אוועק לערנען אין די ישיבות פון פראג, נאכדעם געוואוינט אין וויען, פאזנאן און אנדערע מקומות, באזוכט די גרעסטע ביבליאטעקען און זיך פארנומען מיט שאפען אויפ׳ן געביט פון „חכמת ישראל״. אין יאהר תל״ה האט ער זיך באזעצט אין אמסטערדאם, דארט געוואוינט ניין יאהר און פארעפענטליכט אין יאהר ה׳ת״ם דאס ספר „שפתי ישנים״ מיט וועלכען ניט בלויז אידישע חוקרים, נאר אפילו ניט־אידישע געלערנטע און פארשער באנוצען זיך.

דער דאזיגער ר׳ שבתי איז געווען א וואנדערער און אויך א טוער. ער האט זיך באזעצט אין דיהרנפורט, שלעזיע. דארט אפגעדרוקט עטליכע וויכטיגע קאטאלאגען און פארעפענטליכט זיין בארימט ספר „שפתי חכמים״, וואס איז אנגענומען געווארען בכל תפוצות ישראל. אויף דער עלטער האט ער זיך א סך אנגעליטען. די ערשטע פרוי איז איהם געשטארבען. די צווייטע הייראט האט געבראכט קריגערייען אין הויז. די דרוקעריי איז איבערגעגאנגען צו זיין זוהן. די דרוקעריי, די ערשטע אין דהירנפורט, וואס ער האט געגרינדעט איז געשלא־סען געווארען דורך יעזואיטישע מסירות, אז אין ספר „שערי ציון״ פון בארימ־טען מקובל ר׳ חיים וויטאל, תפלות, תחינות און פיוטים געפינען זיך געבעטען געגען די קריסטען. ס׳האבען ניט געהאלפען די באווייזען פון פראפ. גאטפריד פאול, אז אין ספר געפינען זיך ניט קיין שלעכטע אויסדריקען קעגען קריסטען אדער קריסטענטום, נאר קעגען די פארצייטיגע ווילדע היידען. ער, מיט זיין זוהן ר׳ יוסף, זענען א צייט געווען ארעסטירט אין ברעסלוי. ער איז נפטר געווארען אין דהירנפורט אין יאהר תע״ח.

---

18) אין זיין הקדמה צום ספר „שפתי חכמים״ שרייבט ער זיך אונטער: נאום שבתי משורר מפרג יצ״ו בן הקדוש מוהרר״י הי״ד. זיין ברודער׳ס נאמען ווערט דערמאנט: „המקובל ומופלג בדורו, כשמש זרח אורו, החסיד כמוהר״ר יעקב שטרייערש זצוקל״ה. וועגען געבורט־שטאט פון בעל „שפתי חכמים״ זיינען פאראן פארשיידענע מיינונגען. מערס־טע פארשער זיינען מיט דער מיינונג, אז ער איז געבוירען געווארען אין קאליש און גע־לערענט א צייט אלס לערער אין דער ישיבה און תלמוד תורה אין אמסטערדאם. זעה אויך „שם הגדולים״ פון היד״א מערכת יוד, רס״ד; מערכת א׳ קצ״ה; מערכת ש׳ י״ד. אויף דעם ספר שפתי חכמים פון ר׳ שבתי באס איז אויך דא א הסכמה פון ר׳ יצחק מאיר האומים־פרענקעל. זעה אויך וועגען שבתי באס וויכטיגען מאמר פון ד״ר ישראל שפירא, ביבליוגרפים עבריים, „הדואר״, ט׳ שבט, תר״ץ שנה ט׳ גליון ט״ו, ז״ז 238—240.

דאס איז א מאנאגראפיע פון א פאפולערער פערזאן און דאך פרעמד פאר׳ן ברייטען עולם. די שפראך, דער סטיל און דער געבוי פון דער עסיי איז מאדערן, וויסענשאפטליך און קלאר. דער מאמר האלט איך, איז פון די בעסטע וואס הרב מיכלזאן האט געשריבען.19) פארשטעהט זיך, אז דא קומט אויך א דאנק דעם רעדאקטאר פון „דגלנו״, ר׳ אלכסנדר זישא פרידמאן ז״ל הי״ד, וועלכער איז, ווי באקאנט אויך אומגעקומען אין זומער פון 1943 אין די זעקס וואכען פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד. דער דאזיגער פלאמיגער אגודה־פירער איז געווען א מערקווירדיגע פערזענליכקייט און גאר־גאר גרויסער טאלאנט. גע־שריבען שירים, מאמרים אין העברעאיש און אידיש און רעדאקטירט דעם בעס־טען אגודה „זשורנאל״ דעם „דגלנו״. אין יאהר 1939, נאך דער נאצי אקו־פאציע, איז ער באשטימט געווארען צום יודעד־ראט״ און ווי ידיעות פון עדי ראיה גיבען איבער איז ער און זיין פאמיליע אומגעקומען על קידוש השם צוזא־מען מיט די אנדערע קדושים פון אונזער פאלק 20).

אין דעם רבניש־משכילישען זשורנאל „הפסגה״ (רעדאקטאר־ארויסגעבער: הלל דוד הכהן לבית טריווש, יכונה ראווין, אב״ד עיר ווילקי פלך קאוונא), האט ער זיך באטייליגט מיט צוויי בריוו, איינעם אין חוברת א׳, קובץ חמישי (ווילנא תרנ״ט — 1898) און א צווייטען בריוו אין חוברת א׳ קובץ שביעי (תרס״א — 1900), שרייבט ער דארט אויך אין א זעהר פיינעם ליטעראַרישען סטיל. אין ערשטען בריוו דריקט ער אויס באגייסטערונג פאר דער צייטשריפט וואס האט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו היטען דעם „כרם ד׳ צבאות״, (דעם תנ״ך און תלמוד), עס זאלען איהם ניט פארוויסטען די ניי־אופגעקומענע משכילים.

עס איז א זעהר אינטערעסאנטער בריוו, געשריבען פון פלונסק. ער דער־מאנט דארט, אז נאך זייענדיג אין קראסניבראד, אין יאהר תרנ״ב, האט ער געענט־פערט איינעם וואס האט זיך געוויצעלט, פארוואס דער בעל הגדה איז אויפגעצארנט אויף דעם רשע׳ס שאלה, ווען אין דער תורה איז גארנישטא אזא שטרענגער ענטפער.

ער האט דערויף געענטפערט אזוי: דער חכם פרעגט א שאלת יחיד, א פראגע פון אן אינדעווידועלער פערזאן, „והיה כי ישאלך!״ ער וויל פשוט וויסען, האט ער דערויף א רעכט און מען דארף איהם ענטפערען מיט כבוד . . . ביים רשע

19) ער האט דאך געשריבען און זיך באטייליגט אין אומצעהליגע זשורנאלען און צייטשריפטען, שרייבענדיג אויף פארשיידענע טעמעס, היסטארישע, ביאגראפישע, דרשות׳־דיגע און הלכה׳שע טעמעס.

20) וועגען איהם איז זעהר פיל געשריבען געווארען אין די געטא באריכטען, טאג־ביכער און אנדערע מאטעריאלען. צו זעהן אינ׳ם טאג־בוך פון ווארשעווער געטא („יומן גיטו וורשה״) פון דר. הלל זיידמאן, הוצאת „אומה ומולדת״, תל אביב, 1946. עס איז א ווערק פון איינעם פון די באגלויבסטע און טעטיגסטע אין ווארשעווער געטא. זעה אויך די אויטענטישע ווערטפולע ארבייט פון ב. מארק, „חורבות דערציילען״, וועגען דעם אויפ־שטאנד אין ווארשעווער געטא, לאדזש, 1947. אז״פ ווערט דערמאנט מיט גרויס לויב און ליבשאפט.

ווערט געזאגט: „והיה כי יאמרו" . . . ער רעדט אין נאמען פון א רבים, פון אן ארגאניזירטע חברה, וועלכע האבן באשלאסען אפצופרעגען די דאזיגע עבודה, עפענטליכע אפיקורסות — איז הקהה את שיניו! דארף מען איהם געבען דעם שארפען ענטפער.

הרב צבי יחזקאל מיכלזאן האט אויך פארעפענטליכט פיל בריוו פון זיין פאמיליעד-קארעספאנדענץ און אויף וויפיל זיי זאלען ניט טראגען קיין פריוואט-פערזענליכען כאראקטער, שפיגלען זיך דאך אפ די דעמאלטדיגע אידיש-רבנ'ישע השקפות. די דעמאלטדיגע געשעהענישען און די פאמיליען-אנגעלעגענהייטען זענען זעהר כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט און פאר די דעמאלטדיגע חסידים, רבנים מיט זייערע אנזיכטען, אינטערעסען און האפנונגען. אינטערעסאנט זענען די בריוו אויך מיט זייער ספעציפיש פוילישען אידיש פון יענער צייט און אויך מיט זייער אויסלייג. מיר וועלען ברענגען א מוסטער פון איין בריוו, ניט ענדערענדיג אפילו דעם אויסלייג. דער בריוו איז פון זיין זיידען און עלטער-שוועער ר' שמואל אלי' שווערדשארף ז"ל אין וועמעס הויז ער און זיין פרוי זענען אלס קינדער דערצויגען געווארען:

„ב"ה יום ג' צום העשירי תר"ל יעזיערני.

„ליבה הארצירוקה קינדער! עטץ זאלט נישט מיינען אז איך בין אוועקגי-פאהרען אין וועל נישט זיין בביתי אויף ענקרי הייליגע מוטרס יאהרצייט, האב איך ח"ו אין איהר פארגעסין, ניין קינדער ניין, גלייבטץ מיר אז איך האב נאך איין מינוט אין דער הייליגר נשמה נישט פארגעסין . . . דעם ערשטען טרייען לעבן נישט פארגעסין עד שובי לעפרי . . ."

ער זאגט אן די קינדער ווי זיך צו פירען אין טאג פון יאהרצייט, צו לערנען משניות אין הויז און אין אנדערע שולען, צו טיילען צדקה פון זיין „קאסע" און פאסטען אין טאג פון יאהרצייט. ער פירט אויס: „לדעתי וועל איך דעם טאג אי"ה בל"נ בלעמבערג זיין על קבר זקניכם הגאון חכם צבי זלה"ה, וועל איך ענק ג"כ מזכיר זיין.

אין אן אנדערען בריוו געשריבען „אור ליום ה' י"ב טבת, תרל"ד, שרייבט ער:

„בני ובנותי היקרים!

„לבעבור שבאתם עתה להשתטח על קבר אמכם הצדיקת ז"ל, הן אני בעודני חי, באתי בדברי אלה להעיר את רוחכם, אבקש מאתכם עס זאל צווישען אייך נישט זיין קיין קנאה און קיין שנאה, כי כלכם מבטן א' יצאו, השי"ת איז יודע אז די קנאה מיט דער שנאה, וואס צווישען אייך, איז זיך מתגבר בכל יום ויום, נעמט מיר צי מיינה גאנצי כחות, בפרט אזוי וויא איך בין געביך קלאר אין יעדינס שטאנד, איז עס אפילו גאהר באמת שנאת חנם, — הנני מעיד עלי שמים וארץ, איך שווער אייך ביי מיין גאנץ לעבין, שמיום שמתה עלי אמכם ז"ל, זה חמשה

שנים, איז בײ מיר מאוס ונמאס כל תענוגי עולם הזה, מיינה געדאַנקען רוהען נישט יומם ולילה, נאַר קלעהר איבער אייך, הגם עטץ שפיהרט דאַס נישט, אויך דאַכט זיך אייך אַז איך העלף אייך ווייניג, איך בין נישט אימשטאַנד אייך מיט מעהר צו העלפין, — אויך איז בײ מיר נישט קיין חילוק, אַלע קינדער זאַלין לעבן, זענען בײ מיר גלייך, איך האָב זיי אַלע גלייך ליב . . . ע״כ ליבה האַרצידיקה קינדר, חוסו נא עלי ועליכם והסירו הקנאה והשנאה מלבותיכם . . . אביכם הכותב בדמע ובמר נפש.

שמואל אליהו שווערדשאַרף״ 21).

אומצעליגע אַזעלכע פאַמיליען - קאָרעספּאָנדענציעס, פאַמיליען - אַרכיוועו און כתבי יד׳ן האָט ער פאַרעפענטליכט. די דאָזיגע אַלע מאַטעריאַלען צוזאַמענגענר־מען, קענען נוצען פאַר אַ וויכטיגען היסטאָרישען אוצר, זיי האָבען אַ היסטאָרישען און קולטורעלען ווערט. איצט, אין צייט פון אומקום און חורבן פון אונזער פויליש אידענטום איז געוויס וויכטיג צו באַקענען זיך מיט אַלע צווייגען פון פוילישען אידענטום און זיין פאַרגאַנגענהייט. פאַר אט דער פאַרשונג האָט הרב מיכלזאָן אונז מזכה געווען מיט קאָלאָסאַלע אַרבייטען, זייענדיג אַליין אַ קינד פון יענער פרומער גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט, צוגעבונדען צו די אַלטע דורות, לעבענדיג אין גייסט פון יענע דורות צדיקים, רביים און „גוטע־אידען״.

הרב מיכלזאָן ז״ל איז געווען דער גרויסער פשטן אין לעבען און אין שאַפען, אַ פאָלקסטימליכער מענש, אַ „רבנ׳ישער רבי״. און אין זיין שרייבען איז דאָ פשוט׳ע שטילע פרומקייט, לייכטע פאָלקסטימליכע „קבלה״. זיין פאָלקס־טימליכקייט דריקט זיך באַזונדערס אויס אין זיין ליבע צו אידיש לשון. ער איז א חובב אידיש. אין אַלע זיינע שריפטען ברענגט ער אריין דעם אידיש עלעמענט, צי דאָס איז אין הלכה, צי אין דרוש, צי אין באַשרייבונג. פאַרשטייט זיך, אַז זיין אידיש איז ניט קיין מאָדערנער, כמעט עברי־טייטש אידיש, אָבער דאָך רייך מיט אידיאָמען, שפּראַכליכע אויסדרוקען און וואָרט־שפּילען. ער איז ניט קיין אידישיסט, אָבער אַ חובב אידיש איז ער יאָ. עברי־טייטש אידיש

---

21) אין זיין ספר „פּתח הבית״ (ז. 23) דערציילט ער אַז דער ר׳ שמואל אליה, איז געווען אַ גרויסער למדן, אייניקעל פון לובלינער ראש בית-דין און מגיד ר׳ דובעריש און אַז דער רבי פון לובלין האָט אויף איהם געזאָגט: „דער יוד לערענט תורה לשמה און פעלט נישט קיין האָר פון שו״ע״. די קינדער פון לובלינער רבי׳ן, האָבען אַמאָל אָנ־געוויזען אויף ר׳ בערישל מגיד „דער גראָבער בויך איז דאָ דורכגעגאַנגען״, האָט דער לובלינער „חוזה״ זיי שאַרף אָפּגעענטפערט: „דרך ארץ פאַר דעם גראָבען בויך. אין דעם בויך ליגען אַלע ארבעה שו״ע, ווי ס׳ווערט געזאָגט: ותורתך בתוך מעי...״ דער ר׳ בערישל, אַ איד אַ בעל בטן, איז געווען אַ שטאַרקער מתנגד, אַ נאָכפאָלגער פון זיין גרויסען פעטער דעם ווילנער גאון (הגר״א ז״ל, הת״פ — תקנ״ח; 1720—1798).

וועגען דעם זיידען ר׳ שמואל אליה, האָט ער אָנגעשריבען אַ חבור א.נ. „רמת שמואל״, אַרויסברענגענדיג אינטערעסאַנטע שטריכען פון זיינע זיידעס און באָבעס אין אלגעמיין. יעדער פון זיי רופט אַרויס בײ איהם אַ שפע פון געדאַנקען אַסאָסיאַציעס, זכרונות און רעמיניסענצען.

שטראַלט פאַר איהם מיט קדושה, מיט פאָלקסטימליכער האַרציגער פרומקייט, צניעות׳דיגקייט און גאָטספאַרכטיגקייט. ער האָט געהאַט, ווייזט אויס, אַ פּאָזיטיווע איינשטעלונג פאַר אידיש. ניט געקוקט וואָס העברעאיש, די תורה־שפּראַך, איז בייַ איהם לשון הקודש, די הייליגע שפּראַך פון אונזערע אבות, וואָס דאַרף אַלס אַזעלכע באַטראַכט ווערען ביי יעדען אידישען מענש און וואָס וועט מיט גאָט׳ס הילף צוריק ווערען די לעבעדיגע גערעדטע שפּראַך פון אידישען פאָלק, האָט אָבער אידיש אויך איין זיך הייליגע פונקען אַלס אַ נאַציאָנאַליזירענדיגער פאַקטאָר און קעגען אַסימילאַציע.



הרב מיכלזאָן

פאָטאָגראַפער: א. קאַציזנע, דערשינען אין „די פאַרשוואונדענע וועלט" (בילדער אלבום); רעד. ר. אַבראַמאָוויטש; אַרויסגע־בער: „פאַרווערטס אַסאָסיאײשאַן", ניו יאָרק, 1947, ז. 381, לינקס: „א זיידענער איד פון וואַרשע".

V

רבני'ישער אויטאָריטעט און היטער פון דת

(פאָרפאַסער פון פיל תקנות בנוגע כשרות, רבנות און יהדות)

אין זיין קורצער אויטאָביאָגראַפיע באַטאָנט ער אַלעמאָל זיין דערווייטערן זיך פון רבנות, דערצו נאָך אין זיין צייט ווען רבנות ווערט געקויפט פאַר געלט וואָס מען צאָלט די קהלה פירער. ער ציטירט פון פאַרשיידענע שטעלן ווי שלעכט רבנות איז און ווי גוט ס'איז צו זיין אַן איש פשוט, אַ געוויינליכער בעל־הבית, ברענגענדיג פון ר' יעקב עמדין, אַז ווען ער האָט רעזיגנירט פון רבנות־אמט, האָט ער געמאַכט די ברכה: „ברוך שלא עשני אב״ד״. 21־ב).

ער איז פון נאַטור געווען אַ שרייבער, אַ סופר מובהק און דעריבער זענען אַזוי אינטערעסאַנט זיינע ווערק, פון דעם שטאַנדפונקט פון קולטור געשיכטע. ער איז רייך אין טעמאַטיק, אין פאָלקס־קענטניש און איז אויך באַקאַנט מיט דער סאָציאַלער פּראָבלעמאַטיק, כאָטש טיילוויז דעזאָריענטירט. די פּסקים און בריוו, וועלכע ער האָט פאַרעפנטליכט און אויך די פאַרשיידענע שאלות־ותשובות פון גדולים, וועלכע זענען אַ דאַנק איהם פאַרעפנטליכט געוואָרען, זענען אַ וויכטיגער צושטייער צו דער רבני'ישער ליטעראַטור און בכלל צום געוועב פון אַלטען אידישען שאַפען און ניט וועניגער צו דער פאַרשונג פון געזעלשאַפטליכען שטאַנד ביי אַ גרויסען טייל פון פוילישען אידענטום.

ער איז אַלע יאָהרען, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט, געווען אַ קראַנקער מענש, אייניגע מאָל געפערליך קראַנק; און דאָך געשריבען אהן אַ שיעור און אויף פיל געביטען, פאָלקלאָר, געשיכטליכע אַרבייטען, דרוש, געזאַמעלט אַרכיווען, פּוסקים, כראָנאָלאָגיעס, און אויך אין הלכה. דריי ספרים אין הלכה, האָט ער פאַרעפנטליכט און פיל איז געבליבען אין מאַנוסקריפּט. די צוויי ספרים „פינות הבית״ און „בית יחזקאל״, זענען גענוג גרויס סיי אין כמות סיי אין איכות, אַנטהאַלטען קרוב 700 זייטען. דאָס קרוין־ווערק זיינס אין הלכה איז דאָס „ספר שאלות ותשובות תירוש ויצהר״ (דערשינען אין יאָהר תרצ״ו — 1936). אין דער הקדמה צום דאָזיגען ספר, שרייבט ער, אַז מ'זאָל זיך אויף איהם ניט פאַרלאָזען להלכה למעשה, ווייל ער האָט שטאַרק מורא צו שטעלען

---

21) דאָס זענען די ראשי־תיבות מיט וועלכע מען באַצייכענט אַ רב פון אַ שטאָט: „אב־בית־דין״; די מליצה, ווי וואָרט־שפּיל, ענליך צו דער ברכה, וואָס מען מאַכט אין דער פרי: „שלא עשני עבד, מיט אַן „עיין״.

אויף זיך וואָס שייך אויטאָריטעט אין פּסק׳ענען שאלות. ער האַלט זיך זעהר באַשיידען און וויל ניט מ׳זאָל זיך פאַרלאָזען אויף איהם, איידער מען איז ניט מעיין אין ענין. ער באַמערקט, אַז פיר שו״ת זענען געשריבען געוואָרען, ווען ער איז נאָך גאַר יונג געווען. נאָך אַלס אינגעל האָט ער געהאַט אַ גוואַלדיגע נייגונג צום שרייבען 22).

מיר געפינען אין זיין ספר ,,תירוש ויצהר״ סימן קכ״ה ,,חדושי תורה״, וואָס ער האָט פאַרצייכענט אין ביאַלע, ווען ער האָט געלערנט ביים ביאַלער רבי׳ן, אין יאָהר תרל״ח. אַ טייל פון די חדושים געפינען זיך אין זיין ,,קונטרס״ ,,פּתח הבית״ און אין ספר ,,בית יחזקאל״. תשובות צו רבנים און לומדים געפינען מיר שוין ביי איהם פון יאָהר תר״ם. ער איז דאַן אינגאַנצען אַלט געווען אַ 17 יאָהר. אין סימן ה׳ איז דאָרט פאַראַן אַ זעהר אינטערעסאַנטער בריוו צו ישיבה-בחורים אין דער פּיאָסעצנער ישיבה ,,דעת משה״ אונטער דער השגחה פון פּיאָסעצנער רבי׳ן ז״ל, וועלכע האָבען זיך געגרייט אַרויסצוגעבען אַ תורה-זשורנאַל מיט׳ן נאָמען ,,הכרם״ און האָבען פאַרלאַנגט פון איהם אַ מאמר.

אין ,,תירוש ויצהר״ האָט ער תשובות צו זיינע איידימס, צום יונגען גאון ר׳ אברהם נתן איילבערג, זגערזשער רב; דעם באַקאַנטען אגודה-שרייבער און פאַרשער יהושע העשל לעווינשטיין, זוהן פון דעם באַריהמטען סעראַצקער רב ר׳ יוסף לעווינשטיין, מחבר פון ,,דור דור ודורשיו״, און זיין איידים ר׳ מאיר שול-וואָס אין תל-אביב. ער האָט אויך דאָרט שו״ת פון און צו די אַנדערע קינדער און צו זיין אייניקעל משה אביגדור שולוויס. זיין איידים, ר׳ אברהם נתן על-בערג, וועלכער איז באמת געווען א גאון מובהק און האָט פאַרנומען אין פּוילען אַן אויבענאַן אין דער לומדישער וועלט, טיטולירט דעם שווער מיט די פּרעכ-טיגסטע טיטולען. ער רופט איהם: ,,הרב הגאון העצום, צדיק נשגב, אביר הרועים, פאר הדור . . . שלשלת פאר היוחסין . . .״ 23).

הרב מיכלזאָן האָט געשריבען תשובות און געקומען אין שריפטליכען קאָנ-

22) ,,הנני מודיע לכל הרואה בספרי בל יסמוך עלי למעשה, כי באלה לא חפצתי ואם רבן ומאורן של ישראל הגאון ר׳ יעקב פּאָלאַק ז״ל לא רצה לחבר ספר על הוראות . . . שלא יסמכו עליו (כמבואר בשו״ת רמ״א סימן כ״ה), ומה יענה רש ונקלה כמוני . . . אשר לאב״ד נמכרתי בעוני . . .״ ער ציטירט אויך פון ,,נודע ביהודה״ (ר׳ יחזקאל לאַנדא, פּראגער רב און באַרימטער פּוסק, תע״ד—תקנ״ג; 1713—1792), שרייבענדיג: ,,טרם אכלה לדבר, אבקש מרב וחבר, עלי לא יסמוך . . .״ און ער פירט אויס: ,,ואם גאון הגאונים, אדם גדול בענקים כותב כן, מכ״ש פעוט כמוני, זבוב קצוץ בכנפיים״.

23) זעה תשובות: סימן ח׳, ,,החתן המיועד להיות חתני מחמד נפשי וחביבי״ . . . די תשובה איז געשריבען אין יאָהר תר״ס; סימן קס״ה: חתני יקירי הגאון המובהק איש האשכולות אברהם נתן עלבערג אב״ד ור״מ דק״ק בלאשקי . . . סימן קע״ז: הגאון המובהק מופת הדור . . . זיין צווייטען איידים, לעווינשטיינען רופט ער מיט׳ן טיטול: ,,מופלג ומושלם איש האשכולות . . . סימן קצ״ה; דעם דריטען איידים ר׳ מאיר שילוואס, טיטולירט ער אַלס מופלג ויר״א נגיד ונדיב . . . סימן רט״ז; תשובה צום אייניקעל דר. מ. א. שילוואס — סימן קכ״ז.

זיין איידים יהושע העשל לעווינשטיין, זוהן פון באַרימטען ביבליאָגראַף און כראָ-ניקער וואָס שייך גדולי ישראל, ר׳ יוסף לעווינשטיין, סעראַצקער רב, פלעגט מערסטענס

טאַקט מיט רבנים פון די ווייטסטע מקומות און מיט די גדולי הדור. אַזוי געפינט זיך דאָרט זיינער אַ תורה־בריוו מיט אַנווייזונגען אויף עטליכע שווערע שטעלען אין תלמוד בבלי און ירושלמי צו דעם גאון הדור ר' מנחם זעמבאַ ז"ל. דער לעצטער איז אַ לענגערער תשובה פאַרענטפערט אייניגע שווערע שטעלען אויף אַ גאַר גאון'ישען אופן, אָבער מיט אויסערגעוויינליכער יראת הכבוד צו הרב מיכלזאָן. דער גורל פון ר' מנחם זעמבאַ, איינער פון די הויפּט פון וואַרשעווער ראַבינאַט איז געווען טראַגיש. די מערדערישע נאַצי־האַנט האָט איהם דער־גרייכט אין דעם שרעקליכען פּסח פון תש"ג, ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען דער אויפשטאַנד אין וואַרשע.

ער האָט אויך אַ שו"ת מיט הרב ר' שלמה דוד כהנא שליט"א, מיט דעם גערער רבי'ן זצ"ל 24), מיט הרב קוק, רב ראשי פון א"י, מיט'ן לובלינער ביד"צ, דורך ר' שמעון וויזענבערג, און מיט פיל גדולים רבנים אין משך פון זיין רבנות פעריאָד. אַ גרעסערע תשובה האָט ער אָפּגעדרוקט אין ספר „תירוש ויצהר" (סימן צ'), באַמערקונגען צום ערשטען ספר פון באַרימטען גאון ר' יהודה ליב גרויבאַרט ז"ל, דעם מחבר פון „חבלים בנעימים". אַ טייל פון אָט דער תשובה איז געדרוקט ביים סוף פון „חבלים בנעימים" (חלק א' תרס"א — 1901). ער שרייבט דאָרט צווי"א; „הנה ש"ב (געווען ווייזט אויס אַ קרוב) נ"י בנסעו מכ"ת עבר דרך עירי . . . והראה לי ספרו . . . וקראתי בו עונג ונחת גדול . . . ואגב ארשום איזה הערות במה שראיתי בספרו בהחפזי . . . " (זעה אויך „חבלים בנעימים", סימן ט'; סימן ל"ז).

שרייבען אויף היסטאָרישע טעמעס און איז געווען אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער אין די אגודה אָרגאַנען.

אין „קול ישראל" (אורגן היהדות החרדית בארץ ישראל, ירושלים, ה' בשלח, ט' שבט תש"ז, שנה כ"ו, גליון י"ז) איז געדרוקט אַ זעהר אינטערעסאַנטע היסטאָרישע דער־ציילונג אָדער באַשרייבונג א. נ. „מצעדי גבר כוננו", לויט'ן סטיל פון אַלע זיינע היסטאָ־רישע דערציילונגען. אין דער באַשרייבונג גיט ער אונז איבער אַ מערקווירדיגע פּאַסירונג ווי אַזוי ר' שמשון ווערטהיימער, באַקאַנט אַלס ר' שמשון ווינער, איז געראַטעוועט גע־וואָרען פון זיכערען טויט.

24) אַ וויכטיגע תשובה, סימן ק', וועגען אַ אידען וואָס האָט זיך געהייסען מקבר זיין אין זיינע בײדע טליתים. ער ברענגט דאָרט פון סאָכאַטשאָווער רב ר' אברהם באָרענ־שטיין (תקצ"א—תר"ע), באַרימטער פּוסק, מקובל און אדמו"ר, מחבר פון די ספרים „אגלי טל" אויף די ל"ט — 39 מלאכות וואָס מ'טאָר ניט טאָן שבת, יום-טוב, און שאלות ותשובות „אבני נזר" — דער סאָכאַטשאָווער רב האָט דערציילט אַז ביי די לויה פון „שפת אמת" (ר' יהודה-ליב, גערער רבי זצ"ל), האָט מען איהם געפרעגט צי די כהנים מעגען זיך מתעסק זיין אויפ'ן סמך וואָס „אין טומאה בצדיקים", האָט ער געזאָגט, חס ושלום! אויך ביים קאָצקער רבינ'ס לויה, האָבען חסידים זיך געוואָלט מתיר זיין, האָט דער „חדושי הרי"ם" (ר' יצחק מאיר — ערשטער גערער רבי) דאָס פאַרדאַמט.

ר' אברהמ'לע סאָכאַטשאָווער ז"ל, דער איידים און תלמיד פון קאָצקער רבי'ן ר' מנדלי מאָרגענשטערען זצ"ל (געב. תקמ"ח, נפטר — תרי"ט; 1788—1859), האָט זיין חסידות געשטעלט אויפ'ן יסוד פון למוד התורה, אויף פאַרטיפען זיך לעומקה של הלכה, געשאַפען אַ ישיבה און דערצויגען אַריסטאָקראַטישע חסידים, לומדים מובהקים. דאָס וואָס ס'איז דעם שווער ניט געלונגען, איז דעם איידים (און אין דעם זין ממלא מקום) געלונגען צו פאַרוואַנדלען סאָכאַטשעוו אין אַ חסידישען צענטער נוסח קאָצק. זעה, „הר הבית" ז. 57.

אין דעם ספר געפינען זיך מאַסען שו"ת, פיל פון זיי גאַר אַקטועלע און אינטערעסאַנטע. אין סימן ק"ח, האָט ער אַ פּראַקטפולע עסיי וועגען דער וויכטיגקייט פון אַ נאָמען, אידען זאָלען זיך ניט רופען מיט קיין גוי'אישע נעמען, ציטירט אַהן אַ שיער מאמרי חז"ל. אידען פון מצרים זענען אויסגעלייזט געוואָרען, לויט דער מיינונג פון מדרשים, ווייל זיי האָבען ניט געענדערט זייערע נעמען. דער חתם סופר האָט אַנגעזאָגט אין זיין צוואה מ'זאָל זיין געוואָרענט פון ענדערען דעם נאָמען, די שפּראַך און קליידונג. ער האָט אויך פאַרבאָטען צו שטעלען מצבות אין ניט-אידישען לשון, באַזונדערס ווען די דאַטע איז אויך געשריבען לויט'ן קריסטליכען דאַטום. אַ גרעסערע תשובה האָט ער אין סימן מ"ט וועגען אתרוגים פון קורפו און פון ארץ ישראל און ער ברענגט סיי פון גרויסע רבנים און סיי פון גרויסע רביים, אַז מ'דאַרף נאָכזוכען צו באַקומען אתרוגים פון ארץ ישראל. אין יאָהר תרמ"ה איז דאָן אַנגעגאַנגען אַ גרויסע און שאַרפע דיסקוסיע. דער באַרימטער גאון הדור ר' חיים אליעזר וואַקס (מחבר פון „נפש חיה"), האָט דעמאָלט פאַרעפענטליכט אַ ספּעציעלע דעקלאַראַציע וועגען דעם און דערציילט, אַז ער האָט פאַרפלאַנצט אין כפר חיטין, ארץ־ישראל, אתרוגים און אַז זיי קען מען נוצען אַלס „מצוה מן המובחר". די גדולי הדור האָבען מסכים געווען מיט איהם. דער גערער רבי, ר' אריה־ליב ז"ל (בעל שפת אמת") האָט געשריבען: „מצוה להדר אחר אתרוגי ארץ ישראל, הגם שאינו מהודר ביופי, אם הוא ע"פ דין כשר". אויך ר' שניאור זלמן, באַרימטער לובלינער רב (מחבר פון ספר „תורת חסד", וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער רב פון די חסידים אין ירושלים, באַרימט מיט זיין גאונות און חסידות, שרייבט עהנליכעס.

אין „ילקוט פרי עץ הדר" (פּיעטריקוב תרנ"ח) ווערט געבראַכט אַ פאַקט, אַז אין הויז פון לובלינער רבי'ן ר' יהודה־ליב איגר זצ"ל (תקע"ו—תרמ"ח) האָט מען גענוצט אַלס אתרוגי־מצוה די ארץ ישראל'דיגע אתרוגים זינט דער פריהער־דערמאָנטער רב, דער מחבר פון „נפש חיה", האָט זיי געבראַכט אין פּוילען.

ר' חיים אליעזר וואַקס, דער קאַלישער רב, מחבר פון באַרימטען הלכה־ספר „נפש חיה" (דערשינען תרל"ח — 1878), איז אויסער זיין גדלות אין תורה, אויך געווען אַ גרויסע פּערזענליכקייט און אַן עושר דערצו, „תורה וגדולה במקום אחד". ער איז יאָהרען לאַנג געווען דער גבאי פון „קופת רמבעה"נ", כולל פּוילען, און געטאָן אַ סך פאַר ישוב ארץ־ישראל, איבערהויפּט פאַר „תוצרת הארץ", וואָס איז דאַן באַשטאַנען אין אתרוגים און לוחות (קאַלענדאַרען).

אין אַנהויב פון זיין ספר „נפש חיה", (שו"ת, פיר חלקים), שרייבט ער, אַז ער האָפט צו שאַפען דורך זיינע נטיעות (אין גן שמואל) אַ סטעזשקע וואָס פירט צום בית ד'.

די מערסטע רבנים אין פּוילען און ליטע זיינען באַלד נאָכגעקומען זיין

פארלאנג, צו נוצען בלויז אתרוגים פון ארץ־ישראל. ס'זיינען אבער געווען אייניגע רבנים — רבנים אין פוילען וואס האבען ניט געוואלט פארלאזען די גריכישע קורפו־אתרוגים און נאך חושד געווען דעם קאלישער רב אין ציוניזם (זעה, י. ל. גרויבארט, ספר זכרון ז"ז 173—174).

אינטערעסאנט איז, דער בריוו פון בארימטען חובב ציון ר' אלי' גוטמאכער גריידיצער רב (תקנ"ו—תרל"ה — 1796—1875) וועלכען ער ציטירט אין דער־מאנטען ספר „אורח חיים", חלק א' אנפערענדיג איהם וועגען די אתרוגי ארץ־ישראל:

„הרב הגאון הצדיק, עיר וקדיש, הרב בדומה למלאך ד' צבאות כבוד שמו תפארתו מוהר"ר אלי' במוהר"ש זצ"ל אבד"ק גריידיטץ יע"א בארץ פרייסין". אין דעם בריוו, דאטירט י"ג למב"י תרל"ד, דריקט זיך אויס דער גריידיצער: „הנה אם היה בכחי לעשות פעם נסיעה לשעשע עם כבוד גאוני נ"י . . . לפקח על עסק הקודש, ישוב ארץ־ישראל הייתי מ ד ל ג ע ל ה ה ר י ם . . . אבל תש כוחי, לטוב נשמע ולבקש מאת כבוד גאונו למצא מבוא לכאן, לא רהב לבי, על כן אניח הכל לרצון הבורא יתברך, ואצלי כבר ברור, שאם יקיימו ישראל שיתחילו לעבוד אדמת הקודש בסך ק"ל משפחות שיהיה התחלת הגאולה . . . "

דער קאלישער רב האט צוזאמענגעקליבען הונדערט און צוואנציג חתימות פון די אנגעזעהענע רבנים אין פוילען וועלכע האבען דורכאויס פארלאנגט ארץ ישראל אתרוגים לשם מצוה. און דא איז אין פלאץ דאס ווארט: מעשה אבות סימן לבנים. אן אייניקעל פון ר' חיים אליעזר וואקס ז"ל, ר' ברוך שנור, איז אין 1920, געקומען אין ארץ ישראל און געבויט די ערשטע הייזער אין מזרחי דארף „נוה יעקב" און ארויסגעוויזען גרויס פארשטענדעניש פאר ישוב הארץ (זעה, יצחק גרשטנקורן, זכרונותי על בני ברק, חלק שני, ז"ז ק"מ—קמ"ב).

פון מאשין־מצות איז ער גראד ניט געווען איבעריג באגייסטערט. אין זיין ספר „בית יחזקאל" אסר'ט ער מאשין־מצות. (זעה דארט מפתחות, ראיות פון „אבני נזר", פון שדי חמד", שו"ת „מהר"י אסד" א. א. (ער ברענגט דארט, אז דער ווארשעווער ראבינאט האט ניט דערלויבט אין ווארשע מאשין־מצות. ער איז בכלל געווען א שטארקער געגנער פון השכלה און האט מורא געהאט פאר דער אויפקלערונג. פאר יעדע נייע זאך אין אידישען לעבען, האט ער מורא. ער ציטערט פאר די חדושי הזמן. די שאלה פון מאשין־מצות האט מען איהם געפרעגט פון בוקארעסט, רומעניע, וואו די ארטיגע „פארשריט" פארטיי (אנשי הרעאל טעמפל) האבען דאן איינגעארדענט אזא אויוועז. אין זיין בריוו צו דעם ארטיגען רב ר' ישראל בערגער, שרייבט ער מיט די שרעקליכסטע ווערטער וועגען דער „שמועה רעה" פון די „אנשים חטאים". ער ציטירט דארט פון א „קונטרס", וואס איז דערשינען אין יאהר תרי"ח אין ברעסלוי צו אסר'ן מאשין־מצות און גע'חתמ'עט אויפ'ן איסור האבען זיך די גדולי ישראל ר' שלמה

קלוגר, ר׳ חיים האלבערשטאם, סאנדזער רב און רבי, לובלינער רב ר׳ יהושע העשל אשכנזי, דער חדושי הרי״ם און אנד.

אין א תשובה צו א קאוונער יונגענמאן (סימן נ״ד) לויבט ער שטארק א ספר א. נ. „דור ישרים״ און פרעהט זיך מיט זיין דערשיינונג אלס אפווענדונג פון „דור דור ודורשיו״ פון איזיק הירש ווייס, דאס קאלאסאלע ווערק איבער תלמוד, וואס איז אנערקענט ביי אלע משכילים און ער איז צופרידען וואס דורכ׳ן „דור ישרים״ ווערען פארמאכט די מיילער „הדוברים שקר ובוז על תוה״ק . . . דור ודורשיו דורש לגנאי . . . ער האט שטארק מורא געהאט פאר חדשות 25).

ווי שוין דערמאנט, האט ער פיל געשריבען און אנגעהויבען שרייבען ווען ער איז נאך גאר יונג געווען. אפשר האט דאס טאקע גורם געווען ער זאל זיך אזוי פיל ווידערהאלטען. ער האט שטארק הנאה געהאט פון שרייבען, און דעריבער קארגט ער ניט קיין ווערטער און קלייבט שטענדיג אויס דעם „דרך הארוכה״. מערסטע גדולים רבנים־מחברים, זענען מצמצם אין ווערטער און האלטען פון כלל: „לעולם ידבר אדם בדרך קצרה״. ער האט אויף דעם מוותר געווען אין שריפט, כאטש אין רעדען, האט ער זיך אויך געהאלטען ביים דאזיגען כלל.

ער איז געווען אזוי פארטאן אין שרייבען, אז אפילו פארענדיג אויף דער באן, פלעגט ער שרייבען און געשריבען לויט זכרון. ער איז דאך געווען א גוואלדיגער ערודיט. זייענדיג אמאל ביי הרב צירעלזאן פון קעשענעוו און ווי געוויינליך געשמועסט אין לערנען. פארענדיג אויף דער באן אהיים, שרייבט ער איהם א בריוו, פארזעצענדיג דעם תורה־שמועס. ווען ער איז אין צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה געווען אין קארלסבאד, פון יאהר תרע״ד ביז תרע״ה, האט ער דארט געשריבען פיל תשובות, ניט האבענדיג מיט זיך די נויטיגע ספרים, נאר געשריבען און ציטירט קוועלען לויט זכרון. אין זיין „פתח הבית״ (ז׳ 17), גיט ער איבער, אז זייענדיג א ציוויל־געפאנגענער אין קארלסבאד, האט ער געשריבען א טאג־בוך, געווען פארטיפט אין לערנען און געשריבען פיל חדושי תורה. אייניגע דרשות וואס ער האט געזאגט ראש השנה, שבת תשובה און יום כפור תרע״ה אין דארטיגען בית המדרש, האט ער אפגעדרוקט אין „פתח הבית״ (ז״ז 26 — 54) — און ער באמערקט: „ולאשר חביבים עלי הח״ת שנתחדשו לי ת״ל בימי גלותי בקרלסבאד, הנני להביא בזה מאשר דרשתי שם בקהל רב, בשבת תשובה שנת תרע״ה בביהמ״ד אשר יסדנו שם״.

אין זיינע ספרים באנוצט ער זיך שטארק מיט אידיש, אידישע ווערטלאך,

25) אין בית יחזקאל ז. 350, ציטירט ער א זעהר געלונגען ווארט פון ר׳ חיים ברלין (דעם נציב׳ס זוהן, רב אין מאסקווע) אז חדשות פיהרט צו קריג: „עושה חדשות — בעל מלחמות״.

26) זעה תירוש ויצהר, סימן קצ״ז „בדרך מסעי על הבאהן אצל ראזדיעלי; דארטען סימן מ״ג; סימן קי״ח; סימן קנ״ו; סימן קנ״ז און אנד. תשובות.

אידישע נעמען, אידישע אויסדריקען און האָט ליב געהאַט צו שאַפען אייגענע שפּראַך־ווערטלאַך, באַזירט אויף וואָרט־שפּיל און ער ברענגט חסידישע ווערטלאַך ווי זיי זענען געזאָגט געוואָרען אין אידיש. העברעאישע ווערטער טייטשט ער אויס אין אידיש. ער ציטירט אויך פיל בריוו אין אידיש און האָט אָפּגעדרוקט פיל דעקלאַראַציעס, אויפרופען, דערקלערונגען ווי זיי זענען געשריבען געוואָרען אין אידיש 27).

אויסער די פיל ספרים זיינע האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראַקטפולען סדור א. נ. „בית האוצר״, פאַרזעהן מיט פאַרשיידענע טייטשען פון רביים און „גוטע אידען״. עס איז אַ זעהר נוצליכער סדור ניט בלויז פאַר חסידים, נאָר בכלל פאַר יעדען אידישען בעל־הבית'ישען מענש, וואָס וויל זיך באַקענען אויסער מיט די מנהגים פון אידישע תפלות, אויך מיט „פערלדיגע״ פאַרטייטשונגען און כוונות פון די תפלות . . . ער האָט אויך געגעבען פיל הסכמות אויף ניי־דערשינענע ספרים, צייט־שריפטען אָהן אונטערשייד צי זיי זענען געווען אין העברעאיש לשון, צי אין אידיש. ער האָט געגעבען זיין הסכמה אויף דעם בוך „פּראָבלעם פון אַרבייט און אַרבייטער, אין ליכט פון תורה און תלמוד״, אַ וויכטיגע שטודיע פון הרב יצחק כ״ץ, וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם אין פוילען. פון דער הסכמה איז צו זעהן זיין אינטערעס צו סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס איז דאַן נאָך געווען אַחידוש אין דער רבנישער וועלט און מערסטע ווערק פון דעם כאַראַקטער האָבען געשמעקט מיט כפירה און פריי־גייסט.

ער האָט אויך אַ הסכמה אויף דעם ספר „הס קטיגור״ פון אגודה־שרייבער און משכיל דובעריש טורש (ורשא, ה׳ אלפים תרפ״ד), אַ אַ שאַרף פּאָלעמיש־אַפּאָלאָגעטיש ווערק קעגען דעם פוילישען אַנטיסעמיטישען ווערק „די עטיק פון תלמוד״. די הסכמה איז געשריבען אין אַ פּרעכטיגען העברעאיש וועלכען מאָדערנע העברעאישע קענער וועלען באַוואונדערען, די הסכמה ווייזט אויך אויף זיין בקיאות אין געשיכטע און אין השכלה־ספרים 28).

27) אין סימן י״ט באַנוצט ער זיך מיט'ן וואָרט, אַז די וואָס פאָרען קיין אַמעריקע, פאָרען אַהין כדי „צו מאַכען אַ לעבען״, אָבער קיין ארץ ישראל פאָרט מען אפילו אויף צו ליידען. אין סימן נ״ט באַנוצט ער זיך מיט אַן אַלט ווערטעל, אַז אַמאָל פלעגט מען רופען אַ געלערענטען מענשען „אַריסטאָקראַט״, וואָס האָט געקאָנט מיינען, אַז ער קאָן די פילאָזאָפיע פון אריסטו און סאָקראַט. היינט אָבער דאַרף מען די מענשען רופען „קריסט־אַקוראַט״, ווייל זיי זיינען פשוט'ע עם הארצים, וואָס פרעטענדירען אַלס געלערענטע. דאָס זעלבע ווידערהאָלט ער אין „בית יחזקאל״ ז. 350. אין קאַרלסבאַד, האָט ער געזאָגט, אַז מען פאַראַכטעט אונז צופיל, פאַר אַכט אינדערפריה טאָר מען זיך ניט באַווייזען אין גאַס און נאָך אַכט אין אָוונט מוז מען ווידער זיין אין הויז. (זעה „הר הבית״ ז. 29), ווען ער האָט פאַרלאָזט פלונסק צוליב מחלוקת וואָס ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגען, האָט ער געזאָגט: „קשה עלי פרידתכם — אַייער פירוד הלבבות איז מיר שלעכט״ . . . מסירות און מחלוקת האָבען גורם געווען חורבן, פאַגראָמען, (זעה „פתח הבית״ ז. 19).

28) ער שרייבט צוו״אַ: „ . . . בשנים שעברו כאשר החל המרד המדיני ברוסיה, התעוררו שונאי ישראל לקטרג על התלמוד ולומר, שהוא מלמד את מחזיקיו למרוד במלכות, ולכן יעצו בעתוניהם לחדש גזרת שרפת הש״ס׳ן, כמו בזמן רייכלין ופעפערקאָרן שר״י, כידוע, ואז בקר ידידי הגאון רבי אליהו חיים מייזל זצ״ל, הרב מלאָדז, את הרב ר׳

דאָס ספר „הס קטגור'' האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אין פּוילען און האָט הסכמות אויסער פון רב מיכלזאָן, אויך פון ראַדזינער רבי'ן ר' מרדכי יוסף אלעזר ליינער זצ"ל און פון באַרימטען היסטאָריקער פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן ז"ל הי"ד. ר' הלל צייטלין ז"ל — דער באַרימטער העברעאיש־אידישער שריפטשטע־לער און פילאָזאָף — האָט אין וואַרשעווער „מאָמענט'' אָנגעשריבען אַ „קריטיק'' וועגען דעם ספר אַלס ענטפער אויף נעמיאָווסקי'ס אָנפאַלען, לויבענדיג די אַרבייט, אויך אָנגעוויזען אויף אייניגע ערנסטע פעלערען. איז פרעגט שוין גאָרנישט. דער מחבר האָט באַלד אַ פּרק, א.נ. „הלנו הוא אם לצרנו ?'' דער מחבר נוצט שוין גאָרנישט קיין אינטעליגענטע שפּראַך. ווי אַ בייסענדער פּאָלעמיקער, איז ער דאָ דער „קטגור'' און באַנוצט זיך מיט מיאוסע שאַבלאָנישע אינסינואַציעס — אָבער דאָס בוך אַלס אַזעלכעס איז אַן אינטערעסאַנט ווערק 29).

ער איז געווען אַ מענש פון שלום און טאָלעראַנץ און פיינט געהאַט מחלוקת און קריגעריי אין אידישע רייען. ער האָט שטאַרק געהאַלטען פון מדרש תנחומא (פרשת שופטים) : „בזמן שישראל עושים חבורה אחת אין מידת הדין נוגעת בהם'', אידען זענען ווי די שטעקלאַך וואָס וואַקסען אויפ'ן וואַסער, זענען זיי אָפּגעזונדערט קאָן זיי אַ קינד צוברעכען, זענען זיי אָבער צוזאַמענגעבונדען אין אַ בינטעל, ווערען זיי אַזוי שטאַרק, אַז עס איז אוממעגליך זיי צוצוברעכען . . .

ער האָט געוועקט דעם באַוואוסטזיין ביי אידישע מאַסען, געפאָדערט ביי זיי דאָס געפיהל פון אחריות און פאַרבינדונג מיט'ן אידישען גורל, צו פאַרמיידען מחלוקת, שאַפען אַ אידיש מוסטער־לעבען אַלס המשך פון רייכען עבר און געזוכט צו עפענען די קוואַלען פון אונזער אמאָליגער שעפערישקייט וואָס דאַרף באַפרוכ־פערען אונזער הייַנטיג לעבען און שאַפען.

* * *

נים געקוקט דערויף וואָס ער איז שטענדיג געווען אַ „חלוש'' און פאַרטאָן אין זיינע שריפטען, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו טאָן כלל־אַרבייט און געווען געזעלשאַפטליך גאָר טעטיג אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, אַנטייל גענומען אין פאַרשיידענע אסיפות און זיך באַטייליגט אין אָרגאַניזירען פאַרשיידענע

דובעריש טורש נ"י, כי יצא בקולמסו ובבקיאותו נגד המשטינים האלה והוא הוציא אָז לאור את ספרו „הוד מלכות'', להוכיח משוגת המקטרגים על פניהם, והצליח להשליך עליהם חס, עדי קבל מכתב תודה בעד זאת מהמלך הרוסי, לאות . . .

ועתה כאשר יצא סופר פולני בכתבי פלסתר לחרף ולגדף שנית את התלמוד, עלה דו"ב (דוב-בעריש נ. ש.) מסבכו ומעונתו, בחררי קודש יסודתו, כלבנת הספיר גזרתו, וקדש את שם תורתנו ברבים, וכתב ספרו המזהיר „חס קטיגור''. האח! המותי ראיתי אור זרוע לצדקת העשהו, מעשה ידי אומן . . . לחזות בצדק נוראות . . . נגד המלגלגים ביד רמה . . . ''

29) זעה, דאָרט, ז"ז 148—154. רופט אָן מיט די ערגסטע נעמען דעם באַרימטען שריפטשטעלער הי"ד, ווען ער איז דאָ גאָרנישט אויסען, נאָר אַרויסגעזאָגט אַן ערליכע מיינונג, ווי אַ ליטעראַטור-קריטיקער. ער פאַרענדיגט דעם דאָזיגען פּרק מיט די ווערטער שרא לי' מרי' לרבי הלל! (סנהדרין צ"ט ע"א). דער אמת איז, אַז שרא לי' מרי' לדוב

וואוילטעטיגע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ווי איינער פון די פירענדיגע טוער אינ׳ם אידישען רעליגיעזען לעבען אין פוילען 30).

אין זיין ספר „תירוש ויצהר״ געפינען מיר, ווי ער האט אויסגעארבייט תקנות פאר כשרות אין די שטעט, וואו ער איז רב געווען און זיין ביישפיל איז נאכגעפאלגט געווארען אויך אין אנדערע שטעט. אויף זיין איניציאטיוו איז געשאפען געווארען אין פוילען א „חברת טהרת בנות ישראל״, וועמעס צענטראלע איז געווען אין ווארשע אונטער זיין פירערשאפט. ער האט אויסגעארבייט די תקנות פון דער ארגאניזאציע און זיי פארגעשלאגען ביי דער לאנד־קאנפערענץ פון אגודת ישראל, חשון תרפ״ט. אין די תקנות געפינט זיך די אויפפאדערונג אויפצושטעלען מקוואות אין יעדער שטאט „בתכלית ההיגיענע כמו שבלאדז ובביאליסטאק ובפראגע און אויך איינצופירען „תעודות פאר די „נשים הטובלות״... כדי שיהא היכולת ביד הבעל להודע אם טבלה או לא״ 31).

ער האט אויך זעהר פיל געטאן פאר שמירת שבת. זיך מוסר־נפש געווען פאר שבת, געשריבען מאמרים, געהאלטען דרשות און געטאן מעשים פאר שמירת שבת. אין זיין ספר „תירוש ויצהר״ (סימן קצ״ה) ברענגט ער, אז אנקומענדיג קיין קראסניבראד אלס רב, איך יאהר תרמ״ד און דאס איז געווען אין א פרייטאג אינדערפריה (פ׳ תצא) און דערזעהענדיג ווי די געוועלבער, געשעפטען און קראמען ווערען געשלאסען שפעט אין טיפען בין השמשות, האט ער באלד ביינאכט אויפגעשטורעמט די שטאט וועגען דעם, געווידמעט א דרשה וועגען חילול שבת, באווייזענדיג, אז מ׳דארף מוסיף זיין מחול על הקודש, ווייל שבת איז שקולה כנגד כל מצוות שבתורה, ווי עס ווערט געזאגט אין ירושלמי ברכות פרק א׳, ט״ז 32).

אין ווארשע האט זיך אנגעהויבען באווייזען אויף דער גאס חילול שבת נאך מיט יאהרען צוריק. ביים סוף פון זיין ספר „תירוש ויצהר״ (אין קונטרס „תפארת בנים״, סימן ס׳) דרוקט ער קול קורא פון די ווארשעווער רבנים פון יאהר תרס״ז. אין יאהר תרפ״ה איז אויף זיין איניציאטיווע פארופען געווארען א גרויסע שומרי שבת קאנפערענץ. אויף דער איינלאדונג זענען געווען

שכול . . . וואס איז גארנישט נזהר אין ווערטער און מיינט אז מען מעג אזוי אנפאלען א מענשען „על לא דבר״, בלויז דערפאר, ווייל ער האט אויסצוזעצען געגען דער סיסטעמאטישקייט פון א ווערק.

30) זעה, שאלות תשובות תירוש ויצהר סימן י״ח; סימן כ״ה: וועגען ארדנונג פון שחיטה בדיקה און שוחטים-הכנסות. אויך וועגען די ווורשטען וואס ווערען פארקויפט אין ווארשע א. וו. סימן ל״ה: חברה קדישא טארען נים באריסען משפחה פון מת; אנדערע רבנישע תקנות, באזירט אויף יושר נים אויף „טאקסי״ מוסטער; סימן קצ״ב — תקנות וועגען באקען מצות און אנד. כשרות פראבלעמען, 23 תקנות אויסגעארבייט, פארצייכענט אין אידיש.

31) זעה, דארט סימן קצ״ט.

32) זעה אויך ספר „דגן שמים״ ז. 50; פינות הבית ז״ז 312—336; הר הבית ז״ז 9—12 — פנקס החיומים, וועגען שניידער וואס האבען געטאן א „שטאך אין שבת״, תירוש ויצהר ז״ז 92—93. א זעהר אינטערעסאנטע תשובה.

גע׳חתמ׳עט הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן אַלס יושב־ראש פון חברת שומרי שבת; ישראל מאיר הכהן, דער באַרימטער ,,חפץ חיים״; הרב ר׳ מנחם זעמבא, פון פּראַגע; הרב חיים יהושע גוטשעכטער און הרב יצחק מאיר קאַנאַל פון וואַרשע־ווער ראַבינאַט; פון ועד האדמורי״ם זענען געווען גע׳חתמ׳ט די רביים: ר׳ מרדכי יוסף אליעזר ליינער (ראַדזינער רבי); ר׳ אהרן מנחם מענדעל גוטערמאַן (ראַדזימינער רבי), ר׳ קלונימוס קלמיש שפּירא (פּיאַסעצנער רבי).

די גרויסע קאָנפערענץ איז פאַרגעקומען אין לאָקאַל פון דער אידישער קהלה אויף גרזשיבאָווסקי גאַס נומער 28—26 און איז אָנגעהאַלטען געוואָרען פאַר צוויי טעג ר״ח תמוז תרפ״ה און עס האָבען זיך באַטייליגט צענדליגער רביים, רבנים, אָרטאָדאָקסישע דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען. צווישען די רעדנער געפינען מיר די נעמען: דעפּ. הרב אהרן לעווין ז״ל, הי״ד (דאַן סאַמבאָרער רב), דעפּ. הרב שמואל בראַדט (דאַן ליפּנער רב), סענאַטאָר הרב רובינשטיין, פּראָפ. שאָר ז״ל, סענאַטאָר מענדעלזאָן ע״ה, דעפּ. העשל פאַרבשטיין און אַנד. 33).

ער האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט איינפירען אַנדערע תקנות צו שטאַרקען דאָס אָרטאָדאָקסישע אידישקייט, אָרגאַניזירט אַ צענטראַלע חברה ,,שומרי סת״ם בפּוילין״, צו היטען די הייליגקייט פון ספר תורה. צווישען די מיטגלידער פון אָט דער נייער רעליגיעזער קערפּערשאַפט געפינען איך די נעמען פון גערער רבי׳ן ר׳ אברהם מרדכי אלטער זצ״ל; לובלינער רבי׳ן אַלטער עזריאל מאיר איגר ז״ל 34); סאָקאָלאָווער רבי ר׳ יצחק זעליג ז״ל; אַמשי־

33) אַ פולען דעטאַלירטען באַריכט פון יענער קאָנפערענץ, זעה ספר ,,תירוש ויצהר״, ז״ז 61—67. מערער באַריכות וועגען שבת, אין זיין שו״ת ספר ,,פינות הבית״, סימן קס״ט; ,,הר הבית״ ז״ז 9—11. דערמאָנט דאָרט אַז ער איז געוויילט געוואָרען אַלס פאַר־זיצער פון ,,צענטראַלער שומרי שבת אָרגאַניזאַציע״.

34) ר׳ אלתר עזריאל מאיר איגר ז״ל, איז דער צווייטער זוהן פון ר׳ אברהם איגר זצ״ל און אייניקעל פון ,,תורת אמת״ ר׳ ליב איגר זצ״ל, (שאַפער פון דער באַרימטער און פאַרצווייגטער לובלינער איגר דינאַסטיע, זוהן פון ר׳ שלמה איגר (,,גליון רש״א״) און אייניקעל פון באַרימטען גאון און פוסק ר׳ עקיבא איגר זצ״ל, באַרימטע משפחה אין אונגאַרן — פוילען — דייטשלאַנד מיט איהרע גאונישע קעפּ אַלס רבנים- רביים, צדיקים און וויסענשאַפטסליוט, דיפּלאָמאַטען. ר׳ עזריאל מאיר איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תרל״ג און איז נפטר געוואָרען אין דער וואַרשעווער געטאָ ה׳ תמוז תש״א נאָך שרעקליכע מאַטערנישען אונטער די נאַצים ימ״ש. בעת מיין וואוינען אין וואַרשע, פלעג איך זעהר אָפט קומען צו זיינע טישען געפירט אויפ׳ן לובלינער שטייגער און אויפ׳ן רבינ׳ס פאַר־לאַנג אויך אין די וואָכען-טעג, זיין אַדרעס איז געווען פּאַוויאַ נומער 12, אין הארץ פון דער אידישער וואַרשע. ווי דער שטייגער פון רביים אדמורי״ם, האָט ער ,,בחייו״ ניט געדרוקט קיין ספר בלויז געשריבען די הקדמה צום ערשטען טייל פון זיין פאָטערס ספר ,,שבט מיהודה״.

ער האָט אויך פאַרעפענטליכט צוויי ,,קונטרסים״ וועגען ,,איסור רבית״, דער פאַרבאָט צו נעמען פּראָצענט און ווי אַזוי צו פאַרמיידען מענשען פון אָט דעם מכשול:

קונטרס ,,הצעת תקנה נחוצה״, תרפ״ט און ,,תקנת רבים״. די קונטרסים האָבען געמאַכט אַ רושם אין דער רבניש-לומדישער וועלט, ווי עס ווייזען די תשובות פון די באַרימטע גאונים ר׳ אליהו קלאַצקין, לובלינער רב; ר׳ מנחם מענדיל אלתר, ווי די מאורי הגולה: ר׳ מאיר אַראַק (טאַרנאָ), ר׳ יחזקאל ליפשיץ (קאַליש) און אַנדערע פוילישע, ארץ ישראל׳דיגע, ליטווישע און דייטשע רבנים זכרונם לברכה. עס זענען דאָ הסכמות פון גערער רבי׳ן, זיין מחותן, אדמו״ר ר׳ אברהם מרדכי אלטר און פון אַנדערע

נאָווער רבי ר׳ ירמיה קאַליש ז״ל; אָסטראָווצער רב און רבי ר׳ יחזקאל האַלסטאָק ז״ל און פיל אַנדערע. אויך די אָנגעזעהנסטע רבנים גע׳חתמ׳עט אויף זיין דעקלאַראַציע, צווישען זיי: ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי ז״ל, ווילנער רב; ר׳ מנחם זעמבאַ ז״ל; הרב שלמה דוד כהנא שליט״א א. אַ. ער האָט זיך אויך באַמיט צו אָרגאַניזירען אַן אָרטאָדאָקסישען לערער־פאַרבאַנד און אויסגעאַרבייט פיינע תקנות, אויך געטאָן פיל פאַר רעטונג, אָרגאַניזירט אין זיינע שטעט חברות ביקור חולים, לינת הצדק, שפּיטאַלען און בכלל וואָוילטעטיגע און פילאַנט־ראָפּישע אינסטיטוציעס, געגרינדעט מקואות, שולען און אַנדערע רעליגיעזע נויטיגע קהלה באַדערפעניִשען 35).

און מערקווירדיג, ווי ווייט עס איז געגאַנגען זיין כלל־אַרבעט און עסקנות. זיין זוהן ר׳ ש. ה. מיכלזאָן פון זיך אַפריקע, שרייבט מיר, צווישען אַנדערעס, נאָך דעם קעשענעווער פּראָגראָם, האָבען פּלונסקער אידען, ווי אידען אין אַנדערע שטעטלאָך זיך געשראָקען אַז דאָס זאָל זיך ניט ווידערהאָלען אין פּוילען. אידען האָבען זיך אָנגעהויבען אָרגאַניזירען אין זעלבסט־שוץ. אידישע יונגעלייט האָבען וואָלונטירט אין דער פייער־בריגאַדע און זיין פאָטער זצ״ל האָט שטאַרק אַגי־טירט פאַר אָט דעם סאָרט זעלבסשוץ, וואָס קאָן מעגליך זיין פאַר אַ טאָפּעלטען צוועק: 1) צו שיצען אידישע הייזער פון פייערען וועלכע זיינען געווען אָן אָפטע דערשיינונג אין אידישען שטעטעל און 2) אין קאַמף קעגען פּאָגראָמשטשיקעס.

ווען אין 1904, די צאַרישע רעגירונג האָט אויסגעטיילט 28 מעדאַלען פאַר די בעסט אָרגאַניזירטע פייער־בריגאַדעס אין גאַנץ רוסלאַנד, האָט פּוילען באַקו־מען בלויז פ י נ ף מעדאַלען און א י י ן מעדאַל איז געגעבען געוואָרען צום מרא דאתרא פון פּלונסק, צו הרב מיכלזאָן, מיט צושריפט און דעקאָראַציע פון גראַנד הערצאָג ניקאָליי, הויפּט פון דער צאַרישער אַרמיי.

הרב מיכלזאָן, אַלס רבנ׳ישער אויטאָריטעט, איז געווען אַ גרויסער מחמיר, אַ שטרענגער היטער פון דער אידישער טראַדיציע, אַ נאָכפאָלגער פון חתם סופר׳ס קאָנסערוואַטיזם, אַז „חדש איז אסור מן התורה״, מורא האָבענדיג פאַר יעדער נייאיגקייט, מורא האָבענדיג פאַר דער מינדסטער רעפאָרם. ער האָט זיך אָבער שטאַרק געהיט פון אַרויסזאָגען אַ בייז וואָרט. ער קלאָגט אויפ׳ן חורבן פון אידישקייט. ער וועהטאָגט אויף דעם גייסטיגען חורבן און ער טוט אַלץ וואָס איז אין זיין יכולת פאַר דער אויפהאַלטונג פון אידישען גייסט. ער טוט דאָס אָבער אויף זיין אייגענאַרטיגען שטילען אופן, אויסנוצענדיג זיין בּרען און וויסען ניט אַזוי אויף צו קריטיקירען די פרייע, ווי אויף צו שטאַרקען די פרומע, זוכענדיג

אדמורי״ם. איבער הונדערט און פופציג רבנים, רביים האָבען געגעבען זייערע הסכמות אויף די צוויי ספרים אין שייכות מיט זיין תקנה וועגען אַלגעמיינעם שטר היתר עסקא. יאָ, מיט אַזעלכע ענינים האָבען זיך „גוטע אידען״ פאַרנומען אין דער אַמאָליגער פּוילען וואָס האָט געגרוישט און געברויזט מיט אידיש לעבען.

35) זעה, תירוש ויצהר, ז״ז 69—71; הר הבית, ז״ז 60—67.

צו שטאַרקען די שוץ־וואַנט פון אידישען לעבענס־שטייגער, פון נאַציאָנאַל־רעלי־גיעזען קיום — און אין זיין גאַנצען קאַמף איז ער אַרום און אַרום דער הויך־סאָציאַל־עטישער מענש, איז ער פריהער פאַר אַלץ דער „נאה מקיים", איידער ער קומט ארויס אַלס „נאה דורש" . . .

ער האט ניט געוואלט אנטאָן די רבנ'ישע קרוין און ווי וויט מעגליך געוואלט ציהען זיין חיונה פון באַשעפטיגונג, אבער אפילו ווען זיין וואונש האט זיך איהם ניט איינגעגעבען, איז ער אַלץ געבליבען דער פאלקסטימליכער מענש. דערמיט דערקלערט זיך אפשר זיין וואַרעמע באַציהונג און ליבשאַפט צו אידיש, באַנו־צענדיג זיך אַזוי פיל מיט'ן אידיש לשון אין זיינע ספרים, וועלענדיג, אַז אויך דער פּראָסטער עולם, די פאלקס־מענשען, וואָס קאָנען ניט קיין העברעאיש, ספּע־ציעל דעם טיפערען ליטעראַרישען העברעאיש, זאָלען אויך קענען אריינקוקען אין זיינע ספרים. פיל ארטיקלען האט ער געשריבען אין אידיש. אַ טייל פון זיי, אין „אונזער גייסט", אונטער דער רעדאַקציע פון זיין קרוב י. ד. פירשטמאַן, הי"ד.

ער איז בכלל געווען אַ זעהר גוטער מענש, ער האט אויסגעפאלגט די צוואה פון זיין זיידען ר' שמואל אלי' שווערדשאַרף פון בילגוריי, וועלכער האט אנגע־זאַגט זיינע קינדער עס זאָל ביי זיי שטענדיג הערשען שלום און אחדות, ניט פירען קיין מחלוקת צווישען זיך און ניט מיט קיין אַנדערע. ער האט אויך פאַרלאַנגט פון זיי צו טיילען אַ סך צדקה און צו דאַווענען נוסח אשכנז 36).

ער האט פיינט געהאַט דאס רבנות, געהאַפט צו דערווייטערען זיך פון דעם, ווי די חכמים זאָגען: „ושנא את הרבנות", (אבות פרק א'), דערצו נאָך אין לעצטען יאָהרהונדערט, ווען רבנות־חזקות זענען געוואָרען אַ געשעפט עניין און מ'דאַרף צאָלען די קהלות, וואָס איז אין זיינע אויגען געווען אַ חלול־השם און ס'קומען אַרויס דערפון גרויסע מחלוקת'ן ביי אידען און אַז ווי איז צו רבנות וואָס איז „מקברת את בעלה" (פסחים פ"ז ע"ב). אַבער ווען אפילו ער איז געוואָרען רב, איז ער קיינמאַל ניט געגאַנגען בגדולות, זיך ניט געהאַלטען גרויס, ווי ער אליין זאָגט אויף זיך: „לא הלכתי בגדולות" . . . 37).

ער האט פיל זיך אַנגעליטען זייענדיג אַ רב אין די קלענערע שטעטלאַך. אין קראַסניבראָד האט ער צוליב אַ לאַדמירער שוחט אַ בעל מנגן, וועלכער האט זיך געוואלט אריינכאַפּען אין שטאָט, ניט רעכענענדיג זיך מיט די שוחטים פון שטאָט, געהאַט אַ גרויס מחלוקת, קעמפענדיג פאַר דעם יושר'דיגען „לא תסיג גבול רעך". דאס איז געווען אין יאָהר תרמ"ח, ער האט דערפון אַ סך געליטען, מ'האט עטליכע מאָל איהם גע'מסר'ט צו דער רעגירונג. ער איז אבער אַלץ געבליבען דער ערליכער, גוטהאַרציגער מענש, מיט אומגעהויערען געדולד צו קענען דאס אַלץ אויסהאַלטען; זיך ניט געלאָזט פּראָוואָצירען, ניט געוואָרען

36) זעה, תירוש ויצהר, סימן ע"ב.
37) זעה, הר הבית, ז"ז 12—17; צפחת השמן, ז. ס"ז; דאָרט ז"ז 17—19.

פאַרפירט אפילו פון זיינע נאָענטסטע פריינט, געהאַלטעז זיך שטאַרק ביים כלל פון חכמה צו זיין פון די „נעלבים ואינם עולבים״, צו ליידעז און מוחל זיין די אַלע וואָס טועז איהם אַן צרות.

ער איז שטענדיג געוועז דער ערשטער אויף אַלע הילפס־פראַנטעז און איז דערפאַר באַליבט געוועז ביי אַלע שיכטעז אידעז און ניט־אידעז. אַ גרויסעז טייל פון זיין צייט געווידמעט צו סאָציאַלע ענינים און איז געליבט געוואָרעז אַלס מוסטער רב און אַלס גייסטיגער און סאָציאַלער פירער נוח לבריות און נוח למקום אין פולסטעז און ברייטסטעז זין פון די ווערטער. ווער עס וויל זיך באמת באַקענעז מיט דעם לעבעז פון דער אינטערעסאַנטער, רבנ׳ישע־רביי׳אישער פערזענליכקייט זאָל ער לייענעז זיינע ספרי דרוש, לערנעז זיינע הלכה ספרים און לייענעז זיינע אויטאָביאָגראַפיעס.

ניט וועלענדיג מעהר וועגעז דעם מאריך זיין, וויל איך בלויז צוגעבעז נאָך אייניגע באַמערקונגעז צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אָט דער לויטערער פערזענליכקייט, וועלכער איך האָב געהאַט אַ מעגליכקייט קענעז צו לערנעז אין די יאָהרעז 1929-1930. (תרפ״ט—תר״צ).

אין יענע יאָהרעז האָב איך פאַרבראַכט אין וואַרשע צוליב פאַמיליע אַנגעלעגענהייטעז. ניט וועלענדיג זיך ארומדרייעז פוסט־און־פּאָס, האָב איך זיך דאָרט איינגעאָרדענט, צו קענעז פאָרטזעצעז מיינע תלמודישע למודים און אגב אורחא זיך באַמיהט צו באַקומעז פון וואַרשעווער ראַבינאַט מייז רבנ׳ישעז אַטעסטאַט וואָס כ׳האָב פון פריהער שוין געהאַט באַקומעז פון אַנדערע רבנים פון לובלין און אַנדערע מקומות.

דער וואַרשעווער ראַבינאַט (אויסער „ווינקעל״־רבנים, שול־רבנים) איז אין יענע יאָהרעז באַשטאַנעז פון צוועלף רבנים, לויט די צוועלף באַצירקעז (דיסטריקטעז): ר׳ שלמה דוד כהנא, ר׳ צבי יחזקאל מיכלזאָן, ר׳ יצחק מאיר קאנאל, ר׳ חיים יהושע גוטשעכטער, ר׳ חיים פויזנער, ר׳ אברהם זיבענבערג, ר׳ אהרן שיינגראָס, ר׳ חיים־ליב יודקאָווסקי, ר׳ יעקב זילבערשטיין, ר׳ מרדכי קלעפּפיש, ר׳ שכנא ריטשעוואָהל און נאָך איינעם, וועמעס נאָמעז איך געדענק ניט אויפ׳ן מאָמענט. עס זיינעז נאָכדעם צוגעקומעז אַלס מיטגלידער פון ראַבינאַט דער באַרימטער גאון ר׳ מנחם זעמבא און הרב אפרים מימון (איז אַמאָל געוועז אויך באַזוך אין די פאַראייניגטע שטאַטעז), פאָטער פון מיין יוגענט־חבר אהרן מיימון, אין וואַרשע גוט באַקאַנט אין די אגודה קרייזעז אַלס טריבון פון דער צעירים באַוועגונג.

אייניגע רבנים זיינעז נפטר געוואָרעז נאָך פאַר דער שריפה, פאַר דער מאוים׳דיגער קאַטאַסטראָפע. אייניגע זיינעז אומגעקומעז שוין אין דער געטאָ. הרב יצחק מאיר קאנאל ז״ל פון וועמעז איך האָב אויך סמיכה באַקומעז (געוואוינט אויף טוואַרדע גאַס נומער 8) איז אומגעקומעז, לויט ידיעות אין דער פרעסע, אויף אַ זעהר טראַגישעז אופן, זיך שטעלענדיג מיט אַלע כוחות קעגעז אַ געשטאַפּאָ הענקער

ביים „אומשלאג׳׳ פלאַץ, וואו מ׳האָט געפירט וואַרשעווער אידען קיין טרעבלינקע וואו די מלכות הרשעה האָט אויף שוידערליכע אופנים דורכגעפירט די פלענער פון להשמיד להרג ולאבד. ער איז געפאַלען אויפ׳ן אָרט, ביים „אייזערנעם טויער׳׳ 38).

אין זיין „יומן גיטו וואַרשה׳׳ (טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ) אינ׳ם קאַפּיטל „הרבנות בגיטו וואַרשה׳׳ ב־38), גיט אונז הלל זיידמאַן ווי אַן עד־ראיה אַ בקיצור׳־דיגען אָבער אויטענטישען באַריכט פון רבנות־שטאַנד אין וואַרשע אין צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע. דער וואַרשעווער געטאָ־ראַבינאַט ווי ער גיט איבער, איז אין די יאָרען 1940־1941 באַשטאַנען פון פאָלגענדע (לויט זיין סדר): ר׳ יעקב מאיר בידערמאַן, ר׳ מנחם זעמבא, ר׳ אברהם ווייַנבערג, ר׳ יעקב זילבערשטיין, ר׳ נח ראָגאָזשינצקי, ר׳ שלמה מערקער, ר׳ יצחק מאיר קאַנאַל, ר׳ צבי יחזקאל מיכלזאָן, ר׳ דוד שפּירא, ר׳ שמשון שטאָקהאַמער, ר׳ יעקב עמטשיק, ר׳ אליהו פּעטמאַן, ר׳ מאיר וואַרשאַוויאַק, ר׳ אהרן נפתלי זאַבלאָדאָווער, ר׳ אפרים מיימון, ר׳ שלמה פלאָטאָו. דער סטאַטוס פון ראַבינאַט האָט זיך געהאַלטען אין איין ענדערען. פאַר אַ צייט איז ר׳ מנדל אַלטער (דעם גערער רבי׳נס ברודער, פריהער רב אין פּאַביאַנעץ און דערנאָך קאַלישער רב) געוואָרן דער הויפּט פון די רבנים ביז 1943 איז קיין רב ניט איבער־געבליבען. הרב מנחם זעמבא איז אומגעקומען אין דער שיסעריי צווישען נאַציס און געטאָ אויפשטענדלער, דעם דריטען טאָג חול המועד פּסח תש״ג, געבראַכט געוואָרען צו קבורה אויף קופּיעצא נומער 7. בלויז איין רב, גיט איבער זיידמאַן, האָט זיך געראַטעוועט, הרב דוד שפּירא.

דער איינציגער רב פון דער וואַרשע פון דער מאַידענאַק־עפּאָכע איז מיין רבי ר׳ שלמה דוד כהנא שליט״א, וועלכער איז אין משך פון וואָסערע פופציג יאָהר געווען ראש־בית־דין פון וואַרשעווער ראַבינאַט, הגם וואַרשע האָט זינט ר׳ יעקב געזונטהייט מעהר קיין הויפּט־רב ניט געהאַט. ער איז אין פּוילען געווען באַקאַנט אַלס פּוסק און עסקן פון גרויסען פאַרנעם 39).

---

38) יומן גיטו וואַרשה, תל-אביב, תש״ו, הוצאת „אומה ומולדת״, ז״ז 341—343. „כך הושמדה — פאַרענדיגט ער — הרבנות הוואַרשאית שהיתה במשך שנים בית יוצר לתורה וליהדות. וועגען הרב קאַנאַל זיין פאַרנעם אַלס רב אין געטאָ, זעה, דאָרט ז. 29 — „הנני נכנס לרב יצחק מאיר קאַנאַל ברחוב טווארדא 6 . . . ״ וועגען זיין מורא׳דיגען אָבער העלדישען אומקום זעה, ז״ז 54—56; ער איז דאַמאָלט שוין אַלט געווען 82 יאָהר זיידמאַן שרייבט וועגען איהם: „אחד הפעילים והחריצים שבין רבני וואַרשה״ . . . זעה דאָרט פּרקים וועגען ר׳ מנחם זעמבאַ און אלכסנדר זושה פרידמאַן ז״ז 281—293. אין „דאָס נייע לעבען״ (יובילויי אויסגאַבע, לאָדזש 1947, האָט יצחק באַרנשטיין, באַקאַנטער זשורנאַליסט פאַרעפענטליכט אַ פּראַכטפולען אַרטיקעל א. נ. „וואַרשע — די אַמאָליגע שטאָט פון לומדי תורה, געווידמעט דעם פערטען יאָהרצייט פון טראַגיש-אומגעקומענעם גאון, וואַרשעווער רב, ר׳ מנחם זעמבא ז״ל. ער גיט אָן זיין קבר: קופּיעצקא נומער 31.

39) פון די עטליכע הונדערט רבנים אין וואַרשע, האָט זיך בלויז געראַטעוועט ר׳ שלמה דוד כהנא, איבער פיר צענדליג יאָהר ראש-בית-דין, עסקן אין ברייטען מאַסשטאַב און פּוסק. ער איז אין אַלט ירושלים, דער פאַקטישער מרא דאתרא און פיהרט אויס רבנישע פונקציעס ווי אין די אַמאָליגע צייטען, לויט די נייע באַדינגונגען און מעגליכ-קייטען. די השגחה האָט געפירט דעם גרויז-גרויען רב, ער זאָל אויך אויף דער עלטער קענען זיין שעפעריש ווי אין זיין יוגענט און קענען זאָגען: „אשרי ילדותנו שלא בישה את זקנתנו״.

געפינענדיג זיך אין שכנות פון הרב שלמה דוד כהנא, בין איך ארויפ־געגאַנגען צו איהם, זיך פאַרגעשטעלט פאַר איהם און איך בין באַלד איינגעלאַדען געוואָרען צו זיין אַ שטענדיגער גאַסט.

אין משך פון ווינטער תר״צ, האָב איך דאָרט געלערנט יעדען שבת אַ גאַנ־צען טאָג ממש, פון 8 פרי ביז 11. נאָכדעם האָב איך געדאַווענט, געמאַכט קידוש און אַרום צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג בין איך דאָרט צוריקגעקומען, פאַרבראַכט אין לערנען און אין שבת־מסיבה ביז העט־ווייט נאָך הבדלה. ניט דאָ איז דאָס פּלאַץ צו שילדערען דעם טעם פון יענע אמת־הייליגע שבת־טעג אין דער אידישער וואַרשע. מיר איז שטאַרק געפעלען געוואָרען דער דרך פון הרב שלמה דוד כהנא שליט״א — אַ ליטוויש־מתנג׳דישער דרך געמישט מיט פּויליש־חסידישער באַגייסטערונג. הרב כהנא, ווי אין לערנען אַזוי אין האַלטען זיך, אַזוי איך שמועס, אַריסטאָקראַט, געלאַסענקייט, לויטער איבערגעטראַכטער חכמה, — אַן אמת גייסטיגער ריז, וועלכער האָט געקענט באַצויבערען יוגענטליכע, וועלכע זענען געקומען אין זיין ספערע, מיט זיין באַשיידענקייט, מיט פּינקטליכקייט און מיט זיין מקיים זיין די מצוות חז״ל וועגען קליידונג און נקיות און אין לערנען. געלערנט האָט ער לויט דער שיטה פון דינאַבורגער עילוי ר׳ יוסף ראָזען, דער מחבר פון טיפסטען ספר אין אונזער צייט — „צפנת פענח״. אויף יעדער קשיא — אַ טיף דורכגעטראַכטען ענטפער, באַזירט אויף בקיאות און גרינטליכער חריפות.

פון איהם בין איך געגאַנגען צו אַנדערע רבנים. די לעצטע סטאַנציע: הרב מיכלזאָן, וועמעס שטענדיגער אַדרעס איז געווען 28 פּאַנסקאַ גאַס, ניט ווייט פון פּאַלעסטינאַ־אַמט און פון דער קהלה־געביידע. איך האָב פאַר זיך דערזעהן אַ פּאַט־ריאַרכאַלישע פּערזענליכקייט און כ׳האָב זיך שטאַרק געשראָקען, צוגעהענדיג מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט נעמען שלום. אָבער באַלד האָב איך זיך גע־פיהלט אַזוי היימיש, געזעסען ביים טיש, מ׳דערלאַנגט „כיבוד״ און איך דער „ביישן״ פיהל זיך ווי צווישען אייגענע, באַקאַנטע. איך האָב געזעהן פאַר זיך אַ גרויסען אוהב ישראל, אַ ליכטיגע פּערזענליכקייט מיט קדושה אין האַרץ און אין מוח, — און מיט אַן אומגעוויינליכער פריינטליכער באַנעמונג און ליבשאַפט צו יונגעלייט. ער האָט געלאָזט שטעהן דעם גאַנצען עולם וואָס האָט אָנגע־פילט דעם קאָרידאָר און זיך פאַראינטערעסירט מיט מיר, פאַרבראַכט אַ שטיקעל צייט, געהייסען מיר קומען נאָך עטליכע מאָל און איטליך מאָל מיך מער מקרב געווען און ווען אפילו כ׳בין שוין געווען אויף דעם קאָנטינענט האָט ער מיר געשריבען אייניגע בריוולאַך, וועלענדיג וויסען מיין מצב אין קאָלאָמבוס׳עס מדינה. איך וועל אַט די ליכטיגע פּערזענליכקייט קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

הרב מיכלזאָן ז״ל האָט אין וואַרשע באַקומען הערצה און פּאָפּולאַריטעט און מ׳האָט מיט איהם שטאָלצירט. ניש נאָר די קהלה לייט, די בני העיר, נאָר

אויך די חברי ועד הרבנים זענען געווען צופרידען איהם צו האבען אלס חבר, רב און מורה דורך אין ווארשע און ער האט זיך באטייליגט אין אלע רבנישע אקטיוויטעטען און אין די פארוויקעלטסטע ענינים אין דער שטאט ווארשע צו וועלכער ער איז געווען שטארק צוגעבונדען.

ער האט געקעמפט פאר׳ן תורה׳דיגען יהדות, זיך באמיהט צו דערהויבען איהר כבוד און אלץ געטאן מיט חשיבות און מיט טאקט.

ער איז געווען א „שתדלן״, אבער ניט אין דעם זין ווי דאס ווארט „שתדלן״ שטעלט מיט זיך פאר, — א סינאנים פון שפלות און הכנעה, פון מה יפית אונטערטעניגקייט. ער איז געווען א רבנישער שתדלן, וואס האט געקעמפט פאר׳ן קיום פון פאלק מיט ווירדע, באוואוסטזיניגקייט ווי הרב פערל-מוטער ז״ל, ווארשעווער רב און עסקן, ווי ר׳ יואל וואגמייסטער ע״ה, ווי ר׳ יואל טראקענהיים ע״ה, הי״ד און אנדערע. און זיין עסקנות האט ער געטאן צוזאמען מיט ר׳ העשיל פארבשטיין (יאהרען לאנג פרעזידענט פון פוילישער מזרחי און פון ווארשעווער קהלה).

ער האט באקעמפט מינות און אסימילאציע, געזוכט צו געווינען די יוגענט זיי זאלען אריין אין דער געשמידעטער גאלדענער קייט פון דער אידישער טראַ-דיציע. אויף דעם געביט האט ער מיטגעארבייט מיט דער אגודת ישראל, פאר דעם אויפלעבען דעם אידישען גייסט אין אונזער תקופה.

איך דערמאן זיך זעהר אן אינטערעסאנטען מאמר זיינעם וועגען דעם מאמר אין דער גמרא: „אקמצא ובר קמצא — חרב ירושלים״. דער מהרש״א אויפ׳ן ארט (גיטין נ״ז) באמערקט: פאטער און זוהן . . . הרב מיכלזאן — גיט צו א נייע אינטערפרעטאציע, דאס זאל מיינען: דער קריג צווישען יונגען און אלטען דור האט געבראכט חורבן ירושלים. זאגט דאך די גמרא: די מטבע של ירושלים האט געהאט פון איין זייט דוד און שלמה׳ן און פון דער צווייטער זייט ירושלים. ווען דוד און שלמה קומען אויס צווישען זיך, פארשטעהען זיך, איז ירושלים געזיכערט . . .

ער רופט טאקע איינעם פון זיינע קונטרסים „תפארת בנים״, באשרייבט זיינע עלטערען און גרויס-עלטערען. דערציילט אויף איין ארט אז ביי זיין זיידען דעם גביר האט מען זיך נוהג געווען צו שטעלען ביי א חתונה א בעכער אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעקריצט די ווערטער: „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני״ . . . קיינמאל ניט צו פארגעסען ירושלים!

נאך פינף יאהר מיט פינף חדשים, דעם 18-טען יאנואר 1945, איז ווארשע באפרייט געווארען דורך דער רויטער ארמיי אין זייער גרויסער אפענסיווע קעגען די נאציס. ווארשע איז געווען די ערשטע הויפט-שטאט צו פאלען פאר די נאציס און זי האט מערסטענס געליטען פון די נאצי־מערדער. ניטא נאך אזא חרוב׳ע שטאט ווי ווארשע, וואו די נאציס האבען געהערשט ביי פינף און א האלב יאהר.



הרב מיכלזאָן, אין די זעכציגער

(פון מיין בילדער-אַלבום)

דער בלאשקער רב הרב קאנאל (רעכטס)
און הרב מיכלזאָן (לינקס)

(אַ זעלטען בילד פון ערב דער מלחמה, בעת דער פייערונג פון איבערשנײַדען דעם באַנד ביים חנוכת-הבית אין דער געזעלשאפט „תומכי עניים", דערשינען אין ה. זיידמאנ'ס טאָג-בוך פון וואַרשעווער געטאָ (אידיש אויפלאַגע).

מיר פרעהען זיך מיט וואַרשע׳ס באַפרייאונג, וואָס איז געווען דער סימבאָ־לישער צייכען פון סוף פון נאַציזם, אבער ווי ביטער איז אונז, ווען מיר ווייסען, אַז רוה הערשט איצט אין דער וואַרשע וואָס האָט פאַר פיר און מעהר יאָהר־הונדערטער פאַרנומען אַ פירענדיגע ראָלע אין אידישען לעבען. נאָך דעם לעצ־טען גרויסען אידישען אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ אין אַפּריל 1943, איז וואַרשע געבליבען בלויז אַ גרויסער בית עולם מיט מאַסען-קברים פון אידישע קדושים.

דאָס האַרץ טוט וועה, ווען מען דערמאָנט זיך וואָס עס איז געוואָרען פון דער אידישער געזעלשאַפטליכקייט אין וואַרשע, וואו ס׳זענען אַהינגעקומען איהרע רבנים, רביים, גרויסע געלערנטע, שרייבער, קינסטלער, געזעלשאַפטליכע פירער. עס בלייבט פאַר אונז ניט מעהר ווי פאַרגיסען טרערען אויף דעם חורבן־פוילען און ניט צו פאַרגעסען די הייליגע פירער פון פוילישען אידענטום, די פאָלקס־העלדען און פאָלקס־מארטירער, וועלכע האָבען זיך שטענדיג מוסר־נפש געווען פאַר׳ן פאָלק ישראל. זאָל דער ליכטיגער אָנדענק פון הרב מיכלזאָן, די גייסט־רייכע רבנ׳ישע פערזענליכקייט קיינמאָל ניט פאַרגעסען ווערען.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער גרויסער, אין אַ געוויסען זין דער גרעסטער, אידישער צענטער אין פוילען זאָל דורך די היטלער־באַנדיטען חרוב־ווערען. זאָלען מיר אָבער ניט פאַרגעסען אַז די רעשטלאַך־איבערגעבליבענע פוילישע אידען אויף די חורבות פון פוילען זיי זאָלען האָבען אַ מעגליכקייט צו געניסען פון נייעם וועלט-סדר צו געניסען פון נאַציאָנאַלער און פערזענליכער פרייהייט.

VI

צוויי רבנישע טיפען: הרב יוסף לעווינשטיין און הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן

צוויי רבנים,ביידע קרובים, מחותנים — און אַזוי אַ נאָהענטקייט צווישען זיי אין זייער שעפערישקייט, אַזוי ענליך אין דער מענטאַליטעט . . .

אַנדערש איז געווען דאָס לערנען תורה אין פוילען, ווי דאָס לערנען תורה אין ליטא צי אין דייטשלאַנד און אודאי ניט קיין פאַרגלייך צו דער מעטאָדע פון לערנען אין די ספרדישע מדינות. דער פרומגלויביגער פוילישער איד האָט געלערענט תורה לשמה, לשם לערנען, און במילא איז איהם געווען דערווידער די חקירות, פילאָזאָפישע צי היסטאָרישע.

די דאָזיגע צוויי רבנים, נאָהענט אין גייסט און מחותנים'שאַפט, ווי היטער און שיצער פון פרום־אידישקייט, זייענדיג טאָג און נאַכט פאַרנומען מיט אריינזינגען אין די הייליגע „תנו רבנן" אותיות, פאַרטיפענדיג זיך אין דער גיגאַנטישער גמרא־ווערק, אין רמב"ם, „יד החזקה", אין די ספרים פון ראשונים ואחרונים, אין הלכה, אין דינים־באַגרינדונג — האָבען דאָך געפונען גענוג צייט אויף זאַכליך שטודירען און פאָרשען די „סדר הדורות" אין דער אידישער געשיכטע, די תולדות גדולי ישראל, די פאַמיליע־באַשרייבונגען, וואָס ווערען גערופען אויפ'ן מאָדערנעם לשון גענעאַלאָגיע . . .

דער סעראַצקער רב, הרב יוסף לעווינשטיין ז"ל, האָט אויסער זיין „דוד ודור ודורשיו", אין וועלכען ער גיט אָן די יאָהרען און טעג פון „פטירת חכמי ומנהיגי ישראל", פון בריאת העולם (לויט דער מסורה) ביז'ן יאָהר התר"ס 40), געשאַפען זעהר פיל אויפ'ן געביט פון אידישער כראָנאָלאָגיע, אַז ער האָט באַקומען מיט רעכט דעם טיטול „חוקר קדמונות". באַרימטע היסטאָריקער, באַזונדערס פאָרשער אין דער געשיכטע פון פויליש־דייטשען אידענטום, האָבען זיך גערעכענט מיט זיינס אַ מיינונג און ציטירט פון זיינע ווערק.

---

40) אינ'ם „דור ודור ודורשיו" ווערען אָנגעגעבען די יאָהרצייטען פון זעקס טויזענט און זעקס הונדערט פערזאָנען, וויים ניט אַלע גדולי וחכמי ישראל — אָבער אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט. אין אַזאַ גיגאַנטישע אַרבעט איז אוממעגליך, ס'זאָלען ניט געמאַכט ווערען טעותים, דער מחבר זאָל זיך גאָרניט טועה זיין. זעה, יהודה רובינשטיין, הערות על הספר דור ודור ודורשיו, „תלפיות", ניו יאָרק, שנה א' (טבת—אדר תש"ד) חוברות ב' ג'—ד'; שנה ב' תש"ה חוברות א'—ב'; שנה ג', חוברות א'—ב', ניסן תש"ז. אָבער ניט געקוקט אויף די אָנגעוויזענע טעויות האָט ער דאָך אויפגעטאָן קאָלאָסאַלעס. אינ'ם ספר „לקורות היהודים בלובלין" פון ר' שלמה ברוך ניסענבוים (לובלין, תר"ס) זיינען געדרוקט אַלס „מלואים" עטליכע בריוו פון סעראַצקער רב אין לובלין־היסטאָריאָגראַפיע, זעהט מען זיין גדלות אין תולדות חכמי ישראל.

דער באַרימטער משכיל און פאַרשער ר׳ שלמה באָבער, שרייבט (אין לקורות היהודים בלובלין ז. 165) מיט די ווערטער: דער גאון מהר״ם לובלין, זיין לעבענס באַשרייבונג, האָט געשריבען הרב הגאון הגדול מהר״י לעווינשטיין. געדרוקט אין „הגרן״. עס איז אַן אַרבעט פון אַ גרויסען פאַכמאַן און וואונדערליכען בקי אין „סדר הדורות״, וועלכער האָט צו זיך קיין פאַרגלייך״.

הרב לעווינשטיין פלעגט דרוקען זיינע מאמרים אין יערלאַכען „הגרן״ פון ש. א. האָראָדעצקי, דעם היסטאָריקער פון חסידות, אין „הפלס״ פון הרב ע. רבינוביץ, אין „אנשי שם״ פון ר׳ שלמה באָבער, און אין „עיר תהלה״ פון פיינשטיין.

ווי דער מחותן אַזוי איז אויך געווען הרב מיכלזאָן, אַלס איינער פון די גדולי הרבנים, פאַרנעהמט ער אַ וויכטיג אָרט אַלס ביבליאָגראַף און פאָרשער אין אידי־שער היסטאָראָגראַפיע און גאָר באַזונדערס אין חסידות־פאָרשונג. זיינע ביי־טראַגען פיהלען אויס פיל ספרים און לעקסיקאָנען פון באַרימטע מחברים. אויף איהם פאַרלאָזט מען זיך. ער איז אָנערקענט אַלס אויטאָריטעט אויף דעם געביט.

יעדער פון די גדולי ישראל פאַרנעהמט ביי איהם אַ באַזונדער פּלאַץ, יעדער פון זיי מיט זיין אייגענאַרטיגקייט טראָגט אין זיך די אייביגע אומגעבראָכענע אמונה פון אידישען פאָלק, די הויכע אידישע מאָראַל און עטיק, יעדער פון זיי האָט געטראַגען מיט זיך דעם גלויבען אין כסדר׳דיגען המשך.

ווי געזאָגט אין פריהערדיגען קאַפּיטעל, זיינען הרב מיכלזאָנ׳ס ווערק אויך אַ ווערטפולער ביי־טראַג צום אידישען פאָלקלאָר, מען געפינט אין זיי אַ שלל מיט פאָלקלאָרישע ידיעות.

יצחק ריבקינד — דער באַרימטער ביבליאָגראַף און שריפטשטעלער — אין זיין ווערק: „דער קאַמף קעגן אַזאַרטשפּילן ביי יידן״ (ייוואָ תש״ו), ציטירט פון הרב מיכלזאָנ׳ס ווערק, שרייבענדיג וועגען לאָטעריע צוו. א.:

„וואָס ווייטער איז לאָטעריע געוואָרען אַלץ מער פאַרשפּרייט און דער אי־דישער אַנטייל גרעסער. כאַראַקטעריסטיש איז די צוואה וואָס אַ פּוילישער איד ר׳ אריה לייבוש בערלינער (ר׳ ליבוש ר׳ טעבלים) פון פּעטריקאָוו, האָט געמאַכט אין די יאָהרען 1829—1839.

„ער שרייבט וועגען זיין לאָטעריע־צעטל ווי אַ רעאַליטעט:

„אולי יחנן לי עוד ד׳ צבאות ויצלה לי איזה שכר בבילעט אודזיאַלאָווע שיש לי בתוך הכתבים למען אוכל לצאת מהרה ידי חובתי ולהשאיר ברכה והוא נומר 40170 מן סריע 804 . . .

„באם יהי גיווינעש על לאָטעריע, זאָל מען מקודם מעשר זיין על דברים טובים לטובת נשמתי. אין דאָס איבריגע זאָל זיין הרשות ביד אפטרופסים או רוב מהן ציטייליך בין זרעי וזרע זרעי הש״י. אין פין אַ גרויש גיווינעש זאָל מען פריה־אַראַפנעמין איין חומש דהיינו החצי זאָל מען ציטיילין כדין מעשר והחצי השני זאָל גיגעבין ווערין על קרן קיימת דברים טובים כדי אשר ייטב בעיני האפטרופסים

עם בד״צ [בית־דין צדק] . . .״ 41).

אין די תולדות החסידים והחסידות, אין די פאַרשיידענע „באַשרייבונגען״ וועגן די גדולי החסידות, אין די „לקוטים״ און חסידישע ספרים, ווערט ער פיל ציטירט און מען באַטראַכט אים ווי אַן אויטאָריטעט און קאָמפּעטענטער כראָניקער. צי דאָס איז „שמחת ישראל״ (וועגן רבין ר׳ בונם פון פשיסכע) פון ישראל בערגער, צי דאָס איז „אהל הרבי״ (וועגן לובלינער רבי׳ן ר׳ יעקב יצחק הורוויץ, באַקאַנט אַלס „חוזה״ פון לובלין) פון משה מנחם מענדל וואַלדען, צי דאָס איז „נפלאות היהודי״, „תפארת היהודי״ (וועגן „יוד הקדוש״ פון פשיסכע ר׳ יעקב יצחק) פון יועץ קים קדיש, צי אין די דריי „עשרות״ פון דערמאָנטען בוקאַרעסטער רב ר׳ ישראל בערגער — אין אַלע די ספרים זיינען דאָ צושריפטען, באַמערקונגען און באַלייכטונגען פון הרב מיכלזאָנ׳ען, מען ציטירט פון איהם, סיי פון זיינע געדרוקטע ספרים, סיי פון זיינע ניט־פאַרעפענטליכע „כתבים״41־ב).

אויך חוקרים און חסידות־פאַרשער באַנוצען זיך מיט זיינע אַרבעטען, סיי אין זייערע געשיכטליכע שטודיען, סיי אין זייערע ביאָגראַפיש־מאָנאָגראַפישע שריפטען.

* * *

הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן, איז געווען פון די געציילטע אין דור, וואָס האָט אַזוי תמימות׳דיג מקיים געווען דעם „זכור ימות עולם, בינו שנות דור ודור״ (דברים ל״ב, ז׳), דעם אָנזאָג צו קענען און צו שאַפען אויפ׳ן געביט פון היסטאָריאָגראַפיע — אַ באַפעל פאַר ישראל, זינט זיין באַגין אויף דער וועלט־מאַפּע, פון מצרים ביז׳ן היינטיגען טאָג. עס איז דער „זכור ימות עולם״, וואָס שטאַרקט די אמונה, וואָס דערציילט דעם איד וועגן גאָט׳ס גרויסקייט, לערענט איהם ווי צו קעמפען פאַר זיין פרייהייט און גערעכטיגקייט קעגען די אַלע וואָס ווילען איהם אונטערדריקען, וואָס ווילען איהם פאַרניכטען . . .

שרייבט ר׳ גדליה אבן יחייא (געלעבט אין צווייטען העלפט פון 16־טען יאָהרהונדערט), אין דער הקדמה צו זיין „שלשלת הקבלה״, אַז ער איז אויסען מיט זיין ווערק „לפרסם עניין הנפלאות שעושה השם יתברך בכל יום לישראל . . . ולהלהיב תשוקת הקורא לקדש שם שמים״ (צו פּראָקלאַמירען די וואונדער וואָס גאָט טוט צו די אידען יעדען טאָג און צו דערוואַרעמען אידישע הערצער, גרייט צו קדוש השם).

---

41) ז. 108 ציטירט פון הרב צבי יחזקאל מיכלזאָהן, שו״ת תירוש ויצהר, בילגאָריי, תרצ״ו — 1936, קונטרס תפארת בנים, סימן ל״א און גיט צו, אַז „דער צוואה-שרייבער איז אַ זיידע פונ׳ם מחבר״.

41-ב) דער באַרימטער שריפטשטעלער ב. יאושזאָן (מ. יוסטמאַן), אין זיינע זאַמלונגען „פון אונזער אַלטען אוצר״, ציטירט זעהר אָפט פון הרב מיכלזאָן. אין דער הקדמה צום ספר „פון די חסידישע אוצרות״, שרייבט קאָלעגע קירשענבוים מיט רעכט: . . . „דער גרויסער אויטאָריטעט פון חסידות, ר׳ צבי יחזקאל מיכלזאָן זצ״ל . . . מיט וועמעס מיינונג און הערות, יעדער חסידישער מלקט האָט זיך גערעכענט, אין פעסטשטעלען די אָריגינעלקייט פונ׳ם חסידישען וואָרט . . .״

ר׳ דוד גאַנז (געלעבט סוף פון 16־טען יאהרהונדערט), איז דעם אַריינפיר צו זיין ספר „צמח דוד״, שרייבט:

„כאשר יקרא הקורא בחלק שני מהספר הזה עוצם גדולת המלכים והקיסרים ואנו בגלתנו — לא מלך ולא מושל — נתפלל אל ד׳ להשיב שופטינו כבראשונה ולהצמיח צמח דוד . . .״

הרב מיכלזאָן האָט טריי נאכגעפאָלגט אָט דער שטודיע פון היסטאָריאָגראַפיע און כראָנאָלאָגיע.

וואָלט זיך דאָ געפּאַסט געבען אַ מיכלזאָן ביבליאָגראַפּיע פון אַלע זיינע ספרים, חבורים און אַרטיקלען. דאָס קאָן אָבער אויף׳ן איצטיגען מאָמענט ניט געטאָן ווערען, ווייל ס׳איז אונמעגליך צוזאַמענצושטעלען אַ גענויע ביבליאָגראַפּיע. דאָס קען ניט געטאָן ווערען בחפזון, דערצו נאָך ווען זיין ביבליאָטעק צוזאַמען מיט אַלע זיינע שריפטען זיינען פאַרניכטעט געוואָרען מיט׳ן חורבן וואַרשע. ווער ווייס וויפיל פון זיינע כתב־יד׳ן ס׳זיינען פאַרלוירען געגאַנגען, פאַרברענט געוואָרען און אפשר וועלען נאָך געפינען ווערען זיינע, צוזאַמען מיט אַנדערע מאַנוסקריפּטען וועלכע די נאַצי־באַנדיטען האָבען פאַרכאַפּט.

ס׳איז אונז אויך אומבאַקאַנט זיין לעבען אונטער די געטאָ־פאַרצאַמונגען, אינ׳ם שטענדיגען שאָטען פון טויט. מיר האָבען בלויז געוואָלט שטעלען אַ באַשיידענע מצבה דורך אויפשטעלען אַ בילד פון זיין לעבען — זאָל דער דאָזיגער באַשיידענער ליטעראַרישער בייטראַג אריין אינ׳ם יזכור־לעקסיקאָן פון דער גרויסער עדה קדושים אינ׳ם וואַרשעווער געטאָ־לעבען, די הערואישע קעמפער אין דער אידישער געזעלשאַפטליכקייט וועלכע האָבען געלעבט און געווירקט אין געטאָ. זאָל אָט די אַרבייט אַריין אינ׳ם פנקס פון קדוש השם און הערואיזם אין אונזער אויסגעפּרואוועטער פיל טויזענט־יאָריגער אידישער געשיכטע.

ביים לייענען די דאָזיגע שורות וועלען אויפטויכען די טייערע געשטאַלטען פון די קדושים מיט וועמענס בלוט ס׳איז געשריבען געוואָרען דאָס טרויעריגסטע קאַפּיטעל אין דער אידישער געשיכטע.

לאָמיר אויף אַ ווייל מיטגעהן מיט דעם גאַנג פון די אידען, די אמת׳ע חסידים, וועלכע זיינען מיט די פיס געגאַנגען אויף פּוילען׳ס ערד און מיט די קעפּ געגרייכט אין די הימלען.

אין טעג פון גרויסען יאָרצייט — געדענקען די הייליגקייט און ריינקייט פון די טייערע נשמות פון דעם פאַרפייניגטען אידישען מענש אין דער געטאָ־פינסטערניש. דערמיט וועלען מיר עהרען דעם הייליגען אָנדענק פון די גייסטרייכע פערזענליכקייטען וועלכע האָבען אפילו אין די שווערסטע מאָמענטען פון זייער לעבען ניט אויפגעגעבען די האָפנונג אַז ס׳וועט אויפשטעהן אַ נייע וועלט, אַ יושר׳דיגע און אַז ס׳וועט בקרוב קומען די גאולה און ארץ ישראל וועט ווערען אויפגעלעבט אַלס אידישע זעלבסטשטענדיגע מדינה: ואתם הרי ישראל ענפיכם תתנו ופריכם תשאו״ . . . „ותחזינה עינינו בשוב ד׳ את שיבת ציון״.

VII

וועגן דעם אומקום פון הרב מיכלזאָן הי״ד

(בריוו און צוגאבעו)

נאָך אין יאָהר 1945 האָב איך זיך אַרומגעטראָגעו מיט׳ן געדאַנק אָנצושרייבען אַ קירצערע מאָנאָגראַפיע וועגען הרב מיכלזאָן און האָב אין ניו יאָרקער „פוילישען איד״ פאַרעפענטליכט אַן אָנדענק־אַרטיקעל. האָב איך דאַן דורך דער רעדאַקציע פון „פוילישען איד״ באַקומען צוגעשיקט אַ בריוו פון הרב מיכלזאָנ׳ס אייניקעל, דר. מ. א. שולוואַס פון ירושלים, באַקאַנטער היסטאָריקער און ביבליאָגראַף, דערלויב איך זיך איהם צו פאַרעפענטליכען ווי געשריבען אין זיין אָרטאָגראַפיע. ער שרייבט:

„ירושלים, 18 נאָוועמבער, 1945.

„זייער געערטער ה׳ שמן!

„דורך אַ צופאַל האָב איך די טעג באַקומען דעם נומער „פוילישער איד״ פון חודש אַפּריל 1945 און האָב דאָרט געלייענט אייער שיינעם און האַרציקן אָנדענק אַרטיקל פאַר הרב ר׳ צבי יחזקאל מיכלזאָן, הי״ד.

„איך בין דער זון פון הרב מיכלזאָנ׳ס טאָכטער רבקה. איך פיל אַן אינערליכן דראַנג אייך אויסצודריקן מיין האַרציגען דאַנק פאַר די שיינע ווערטער וואָס איר האָט מקדיש געווען דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין זיידן. איך בין אַוועק פון פוילן קיין ארץ ישראל מיט 11 יאָר צוריק, אָבער דאָס בילד פון מיין זיידן, ביי וועמען איך האָב אויך זוכה געווען צו לערנען תורה, שטייט מיר נאָך יעצט פאַר די אויגן. איך לייען פון צייט צו צייט מיט טרערען די האַרציקע ווידמונגס־אויפשריפטן אויף די ספרים און כתבי־יד וואָס מיין זיידע ז״ל האָט מיר געשענקט אין טאָג פון מיין אָפּרייזע.

„יעצט זענען אָנגעקומען ידיעות וועגען דעם טויט פון הרב מיכלזאָן. אייער אינטואיציע האָט אייך ריכטיג געפירט! מיין זיידע הי״ד איז געשטאָרבן ווי אַ קדוש, איינגעהילט אין טלית און תפלין, מיט אַ גמרא אין דער האַנט. געווען איז עס אין אויגוסט 1942 . . .

„נעמט אָן מיין האַרציקן האַנט־דרוק און טיפן דאַנק.

מיט גרוס, דר. מ. א. שולוואַס.״

לויט דער ידיעה, איז הרב מיכלזאָן אומגעקומען נאָך אין זומער פון יאָר תש״ב, נאָך פאַר׳ן וואַרשעווער אויפשטאַנד, ווען ס׳האָט נאָך געלעבט און געווירקט דער רוב פון ראַבינאַט. ס׳האָבען זיך שוין דאַמאָלט אָנגעהויבען די „אויסזיד־

לונגען'' קיין טרעבלינקא, וואָס האָט געמיינט דער אנהויב פון דער ליקווידאציע פון וואַרשעווער געטאָ. אין יענעם יאָר, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, איז טראַגיש אומגעקומען ביים „אומשלאג פלאַץ'' זיין אַלטער חבר אין ועד הרבנים הרב יצחק מאיר קאַנאַל הי״ד ז״ל און אַנדערע. אינ'ם זעלבען יאהר, מיט אַ חודש פריהער, צו זיין פינקטליך, דעם 23־טען יולי, 1942, איז אדם טשערניאַקאָוו באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד, ניט קענענדיג מעהר אויסהאַלטען פון די נאַצי גזרות, זעענדיג אויך דעם ביטערען סוף, וואָס דערוואַרטעט די אידען אין וואַרשע. 42).

בעת איך האָב געגרייט די מאָנאָגראַפיע צום דרוק, האָב איך זיך געוואָלט שטעלען אין שריפטליכען קאָנטאַקט מיט דר. שולוואס'ן, (כדי צו האָבען מער אינפאָרמאַציע און אפשר באַקומען נייע מאַטעריאַלען), איז איין בריוו, צום גרויסען באַדויערען, פאַרלוירען געגאַנגען. אויף דעם אַנדערען בריוו האָב איך באַקומען פאָלגענדען ענטפער:

„ירושלים, 17.10.47.

„זייער חשובער ה' נ. שמן!

„איך האָב יעצט דערהאַלטען אייער בריוו פון אסרו־חג. איך פאַרשטיי נישט אייער ירגזון, אָבער אייער רעגיסטרירטען לופט־בריוו האָב איךליידער נישט דער־האַלטען. אויך איך האָב מיך געוואונדערט הלמאי איהר ענטפערט מיר נישט . . .

„און יעצט צום ענין: איך פריי מיך באמת, אַז איר טראַכט ארויסצוגעבען אַ בראשור וועגן זקני הגאון הי״ד. ליידער האָב איך אָבער נישט קיין בילדער . . . איך לייג אייך ביי דעם אַדרעס פון מיין אנקל הרב שמואל מיכלזאָן, דער איינצי־לעבעדיקער זון פון זקני הרב זצ״ל. ער וואוינט אין דרום־אַפריקע. ווייס פיל וועגען די יונגע יאָהרן פון זקני ז״ל און האָט פיל־פיל בריוו פון אים. שרייבט אים און בעט אים אייך מיטצוטיילען וואָס ער ווייס און אייך צושיקן קאָפּיעס פון די בילדער וואָס ער האָט. ער האָט באַשטימט בילדער פון זקני ז״ל אַלס יונגערמאַן. שנית שרייב איך אייך אויך דעם אַדרעס פון מיין קוזין יהודה עלבערג, אַ זון פון הרב מיכלזאָנ'ס עלטסטע טאָכטער חוה (די בלאשקער רביצין). ער אַליין איז לעבן געבליבן פון דער גאַנצער משפחה. ער איז אַ באַרימטער פאַרטיזאַן (זיין פסעוו־דאָנים לענצקי), און ווייס וועגען אונזער זיידענ'ס לעצטע טעג. איך שרייב אויך אייער אַדרעס צו מיין אנקל און צו מיין קוזין . . .

„דער אַרטיקל וועגן וועלכן ידידי ר' יצחק ריבקינד האָט אייך געשריבען, איז

42) גענויע פּרטים וועגען די אַלע שרעקליכע געשעהעענישען נאָכקוקען הלל זיידמאַנ'ס „טאָג-בוך פון וואַרשעווער געטאָ'' און ב. מאַרקס „חורבות דערציילען''. דער לעצטער שרייבט: „דאָס געטאָ איז איינגעפירט געוואָרען דעם 15-טען נאָוועמבער, 1940. דאָס איז געווען שבת. די דייטשען האָבען דאָס געמאַכט אָהן פּאַניק, אָהן בהלה. זיי האָבען פּויער־ליך דערקלערט, אַז אַ סך אידען וועלען באַקומען דערלויבענישען צו בלייבען אויף זייערע אַלטע וואוין-ערטער מחוץ דעם געטאָ-תחום . . . נאָכדעם האָבען זיך אָנגעפאַנגען די צרות . . . אין יאָהר 1942, איז אָנגעקומען דער עס. עס. גענעראַל קריגער און ער האָט אָנגעהויבען די וואַקכאַנאַליע פון בלוט און פייער. ער האָט זיך גענומען סיסטעמאַטיש ליקווידירען די אידישע באַפעלקערונג איבער'ן גאַנצען לאַנד.

נישט פאַרפאַסט דורך מיר, נאָר דורך דער שרייבערין רחל אויערבאַך„ און איז דערשינען לכתחילה אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״ אין שפּעטן טייל פון זומער תש״ו. די גענויע דאַטע ווייס איך ניט. דער אַרטיקל איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין „דבר״. די שרייבערין דערציילט, אַז בשעת עס איז געקומען די ריי פון מיין זיידן זצ״ל אַוועקגעשיקט צו ווערן קיין אַשוויענטשים, האָט ער באַשלאָסן נישט צו מעלדן זיך דער פּאָליציי וואָס איז געשטאַנען אין הויף, נאָר צו בלייבן אין זיין דירה. די דייטשען פלעגן נעמליך דערשיסען אויפ׳ן אָרט יעדען איד וואָס איז נישט אַרויס פון זיין דירה און זיך ניט געשטעלט אין דער ריי. די כוונה פון הרב מיכלזאָן איז טאַקע געווען מען זאָל איהם דערשיסען אויפ׳ן אָרט, כדי ער זאָל קענען קומען צו קבר ישראל, ווייל אין יענער צייט (1943) פלעגט נאָך אַ וואָגן פון דער חברה קדישא אויפזאַמלען אַלע הרוגים און זיי מקבר זיין אויפן בית החיים. האָט זקני הרב אָנגעטאָן דעם קיטל און טלית און תפלין און זיך אַנידערגעזעצט מיט אַ גמרא אין האַנט וואַרטן אויפן טויט. אָבער בשעת דער קאָנטראָלירנדיקער געסטאַפּאָ־מאַן איז אַריינגעקומען אין דער וואוינונג (צוזאַמען מיט אַ אידישן געטאָ־פּאָליציימאַן, וועלכער האָט שפּעטער די געשיכטע דערציילט) און דערזען דעם הדרת־פּנים פון זקני (ער איז דאַן געווען גענוי 80 יאָר אַלט), האָט ער אויסגערופן: “Das ist ja der Moses selbst!” און האָט אים נישט גע׳הרג׳עט, איז אַרויס און צוגעקלאַפּט די טיר. דאַן האָט זקני רוהיק אַוועקגעלייגט די גמרא און אַראָפּ אין הויף און זיך געשטעלט אין דער ריי, כדי צו טיילן דעם גורל פון כלל ישראל . . .״

האָט איהר אַ קלאָרע באַשרייבונג וועגן דעם לעצטען טאָג פון הרב מיכלזאָנס לעבען אין וואַרשע; און אַז דאָס איז פאָרגעקומען ניט אין יאָהר תש״ב, נאָר אין תש״ג. אַ שאָד וואָס אין דעם באַריכט ווערט ניט אָנגעגעבן די גענויע דאַטע, צי ס׳איז פאָרגעקומען פאַר אָדער נאָך דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד. גיכער איז דאָס פאָרגעקומען פאַר דעם אויפשטאַנד, ווייל נאָך דעם אויפשטאַנד זיינען שוין אין וואַרשע איבערהויפּט ניט געווען קיין רבנים און די געטאָ איז דאָך געוואָרען אידען־ריין. ס׳זיינען מסתמא דאָ נאָך ווערסיעס, אָבער לאָמיר פריהער הערען פונ׳ם זוהן אין זיד־אַפריקע 47), ש. ה. מיכלזאָן, אַ באַקאַנטער אידיש־ענגלישער שריפטשטעלער אין זיד־אַפריקע, פאַר אַ צייט לערער אין העברעאישען פאַקולטעט אין קייפּטאַון זיד אַפריקע. ער שרייבט צווישען אַנדערעס (אין ענגליש):

„מיין טייערער ה׳ שמן:

---

47) פון אייניקעל דעם פּאַרטיזאַן יהודה עלבערג-לענצקי, האָב איך צום באַדויערען קיין ענטפער ניט באַקומען. מעגליך אַז ער איז שוין ניט אויפ׳ן אָנגעגעבענעם אַדרעס אין פּאַריז און אפשר איז מיין אָדער זיין בריוו פאַרלוירען געוואָרען אויף וועלכען עס איז ערראָפּלאַן. צוליב דער ווייטקייט אין דיסטאַנץ, שוועריגקייטען אין פּאָסט-פאַרקער איבער׳ן אָקעאַן, ימים און אָזערעס, זיינען פיל בריוו פאַרלוירען געגאַנגען.

יהודה עלבערג, זוהן פון בלאשקער רב, ר׳ אברהם נתן עלבערג הי״ד, (עלטסטער אייניקל פון הרב מיכלזאָן), איז איצט דער רעדאַקטאָר פון חודש זשורנאַל „קיום״, וואָס דערשיינט אין פּאַריז.

„איך בין געווען זייער פאַראינטערעסירט אין אייער בריוו. צום באַדויערן האָב איך נאָך ניט באַקומען דר. שולוואַס'עס בריוו . . . אַזוי ווי אייער ביכל דאַרף ערשיינען אין עטליכע וואָכען אַרום, קאָן איך אַזוי שנעל ניט אויסזוכען קיין מאַטעריאַלען אויסער די צוויי בילדער וואָס איר וועט דאָ געפינען בייליגענדיג. איך וויל ניט אויפהאַלטען דאָס אָפּדרוקען אייער אַרבייט . . . אויב איך וועל דאָך באַוויייזען אויפצוזאַמלען וויכטיגע מאַטעריאַלען, וועל איך עס אייך זאָפאָרט צושיקען . . . ווען מיין פאָטער האָט אָנגענומען דאָס רבנות אין קראָסניבראָד, איז ער אַלט געווען, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, 18 יאָהר 48), און הרב ר' יצחק שמעלקיש פון לעמבערג, האָט דעמאָלט געשריבען צו דער קהלה: „צהלי ורני יושבת קראָסניבראָד כי גדול בקרבך, קדוש ישראל'' 49).

הרב מיכלזאָן האָט געהאַט הצלחה צו קינדער, ווי מיר האָבען שוין אין פריערדיגען קאַפּיטעל געזעהן. אַזוי די זיהן אוּן אַזוי די איידעמס — אַלע פון הויך אינטעלעקטואַלען קאַליבער און פאַרנעם, צי אין רבנות, צי אין וויסענשאַפט. דער דאָזיגער זוהן שמואל שמעלקא פּינחס, דער איינציג לעבען־געבליבענער פון דער גרויס־פאַרצווייגטער מיכלזאָן פאַמיליע, איז געבוירען געוואָרען אין קראָסניבראָד, דעם 8־טען פעברואר 1888 (כ''ו שבט תרמ''ח) און פאַרלאָזט פוילען נאָך גאָר יונג, אין יאָהר 1907, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ענגלאַנד, פאַרנעמענדיג דאָרט וויכטיגע קהל'שע שטעלעס. אין יאָהר 1916, האָט ער זיך באַזעצט אין זיד־אַפריקע, און איז דאָרט טעטיג אַלס פּעדאַגאָג, שרייבער און געזעלשאַפטליכער טוער 50).

הלל זיידמאַן אין זיין „יומן גיטו וואַרשה'' (טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ), האָט אויך וואָס צו דערציילען וועגען הרב מיכלזאָנ'ס אומקום — און גאָר אין אַן אַנדער ווערסיע. אינ'ם קאַפּיטעל „ראשי הגיטו בכור הסלקציה'' (ז''ז 60—63), דערציילענדיג ווי דינסטאַג דעם 25־טען אויגוסט 1942, זיינען אויף אַ בהלה'דיגען אופן געכאַפּט געוואָרען די אַזוי גערופענע אָפיציעלע באַאַמטע פון דער קהלה, דערציילט ער, אַז אייניגע רבנים האָבען זיך אויסבאַהאַלטען אין קהלה בנין. „די צוויי אַלטע רבנים, הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן, דער באַוואוסטער מחבר, זקן רבני וואַרשה,

---

48) זעה פריער ז. 11, ער איז דאַן אַלט געווען נײַנצעהן יאָהר.

49) ווי הרב מיכלזאָן זצ''ל גיט איבער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „פתח הבית'', — האָט דאָס געשריבען ר' גרשון־העניך, דער באַרימטער ראַדזינער רבי, שאַפער פון „תכלת''.

50) ש. ה. מיכלזאָן, ווערט עטליכע מאָל דערמאָנט אין די שאלות ותשובות ספרים פון זיין פאָטער און אין „בית נאמן'' פון זיין גאונישען שוואָגער הרב ר' אברהם נתן עלבערג זצ''ל, וועלכער איז פאַררעכענט געוואָרען צווישען די גדולי הרבנים אין פוילען און איז געווען באַרימט מיט זיין חריפות און התעמקות, ווערט דערמאָנט אין פיל שו''ת ספרים. זעה אויך „פתח הבית'' ז''ז 21—22.

אַלס מחבר, איז ער אונז באַקאַנט מיט זיינע אַרבעטען: „געשיכטע פון זיד אַפריקע'' (אין אידיש), און „מלחמה פאַרברעכענס פון דייטשע דאָקטוירים אין ענגליש: (The War Guilt of German Doctors, 1944) און איז אַ מיטאַרבייטער אין פאַרשיידענע זשורנאַלען אין אידיש, העברעאיש און ענגליש.

שוין אַלט געווען 86 יאָהר 51), און הרב נח ראַגאָזשינסקי געהען אַראָפּ אין הויף צוזאַמען מיט אונז. געוויס טראַכטען זיי: מ׳וועט דאָך ניט אוועקפיהרען אַזעלכע אַלטע רבנים . . .

און ער דערציילט:

„אַ לאַנגע צייט בין איך געשטאַנען אין דער ריי צוזאַמען מיט די וואָס האָבען געוואַרט אויף זייער אורטייל . . . איך זעה ווי מען פיהרט פאַרביי פּראָפ. באַלאַבאַן. ער איז אַ באַרימטע פּערזענליכקייט 52). זיי באַטראַכטען איהם און באַשליסען איהם איבערצולאָזען. מ׳פיהרט פאַרביי דר. שיפּער, (דעם באַרימטען קולטור־פאָרשער און ציוניסטישען פיהרער — נ. ש.), דר. שטיין, אַרלעאַן, פריידענזאָן — דער מענש פון „יודענראַט״ בעט רחמנות האָבען אויף זיי — זיי ווערען געשטעלט רעכטס. וועגען די צוויי רבנים, מיכלזאָן און ראַגאָזשינסקי, העלפט גאָרנישט. איך זעה ווי זיי ווערען געשטעלט מיט די פאַראורטיילטע צום „אומשלאַג״.

הרב מיכלזאָן שטעהט פאַר די ס.ס. אָפיצירען מיט׳ן קאָפּ אַרויף, „זקוף־קומה״, זעהט אויס ווי ער איז גלייכגילטיג — אין אמת׳ן איז ער איצט פאַרזונקען אין טיפע מחשבות. דער וואַרשעווער רב, דער 86־ער איד, פיל יאָהרען פּלונסקער רב (אַזוי האָט מען איהם גערופען „דער פּלונסקער״) אַ מחבר פון 43 געדרוקטע ספרים, אויסער די פאַרבליבענע ביי איהם מאַנוסקריפּטען — ער שטעהט איצט הילפלאָז, פאַראיינזאַמט און פאַרלאָזט אין זיין קהלה, ווערט פאַר׳משפט צום אומקום און ביי זיין זייט דער ליטווישער רב, די ריינע נשמה, דער גייסטיגער עסטעט, אציל הנפש ראַגאָזשינסקי — זייער ביידענס גורל איז פאַרזיגעלט . . . ״

אין יענעם טאָג, ווי זיידמאַן גיט איבער, זיינען אַכט רבנים פאַרלוירען געגאַנגען, אומגעקומען. דער רוב פון וואַרשעווער ראַבינאַט איז אַזוי טראַגיש ליקווידירט געוואָרען. און נאָך אַלע באַריכטען ווייסט קיינער ניט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. בלויז דער רבונו של עולם, דער ממונה איבער דעם אוצר הנשמות, ווייס וואו און ווי זיי האָבען אויסגעהויכט זייערע הייליגע נשמות — און דו בן אדם, האָסט אפילו ניט קיין רעכט צו פרעגען „זו תורה וזו שכרה?״ ווייל „כך נגזר משמים, קבלוה משעשי דת יומים!!!״

מיר, איבערגעבליבענע פון דור, דאַרפען נעהמען אַ חשבון הנפש פון זייער ווילען, זייער ברויזענדיגען גייסט, בענקשאַפט און האָפנונג צו אַ שעהנערער מענשהייט אין אַ באַפרייטער און נייער וועלט פון אַ משיח׳שער אָרדנונג.

אין שווערסטען גורל זייערען פון אונטערדריקטקייט און צום טויט־פאַראור־

---

51) זעה פריער ז. 11, ער איז ניט געווען אַריבער די אַכציג! זעה אויך זיין אויטאָביאָגראַפיע „פתח הבית״, ז. 5, „ראיתי את אור החלד בשנת תרכ״ג, ביום ה׳ שעה עשירית בבקר, תשעה ימים לחודש שבט״ . . .

52) פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן איז געווען באַרימט אַלס היסטאָריקער און קולטור פאָרשער און הויפּט פון יודאַיסטישען פאַקולטעט אין וואַרשע.

טײלטען סוף, האָבען זײ געהאַלטען אױפגעהױבען דעם קאָפּ קעגען די פּײניגער, מיט אױפגעהױבענע קעפּ געגאַנגען אַפילו אין קרעמאַטאָריע.

„דער טראַגיש־העראָאישער פאַל מיט די בית־יעקב מײדלאַך — שרײבט ב. מאַרק אין זײן גרױס װערק „חורבות דערצײלן" װעגן דעם אױפשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ 53) — איז ניט געװען קײן פאַראײנצעלטער. אין גרעסטען טײל איז די אידישע מאַסע רוהיג און װירדיג געגאַנגען צום טויט. דער שונא האָט ניט אײנמאָל געװאָלט אױספּרעסען בײ די צום טויט פאַר׳משפּט׳ע אידען געװײן און געבעט, נאָר ניט שטענדיג איז דאָס איהם געלונגען. אודאי איז די סיבה פון דעם רוהיגען געהן צום טויט אָפט געװען די רעזיגנאַציע, אָבער אָפט איז עס אױך געװען אַ באַװאוסטזיניגער װילען נישט צו װײזען דעם שונא קײן הכנעה. *צום װירדיגסטען איז צום טויט געגאַנגען דאָס רעליגיעזע אידענטום* (קורסיװ מײנער — נ. ש.). דאָס רוב אַנגעטאָן אין קיטלען און אײנגעהילט אין טליתים, האָבען די גלױביגע אידען מיטגעמאַכט דעם לעצטען װעג . . ."

צו דעם קלאַס געהערט דער קדוש ר׳ צבי יחזקאל מיכלזאָן הי״ד, װעלכער האָט דעם אומברחמנותדיגען גורל אױף זיך גענומען מיט אַן אױפגעהױבענעם קאָפּ, גלױבענדיג אינ׳ם זיג איבער די שװאַרצע כחות און אין דעם איז באַשטאַנען די טיף־פאַרבאָרגענע דינאַמישקײט פון זײן כאַראַקטער און פון זײן אמונה.

אינ׳ם דערהױבענעם רעקװיעם לכבוד אונזערע העלדישע מאַרטירער, לכבוד די געפאַלענע קעמפער, װעט אױך זײן נאָמען דערמאָנט װערען אַלס די ליכטיגע פּאַטריאַרכאַליש־גײסטרײכע פּערזענליכקײט אין דער געטאָ װאַרשע בימי הנאצים הארורים ימ״ש. װי זאָגט ערגעץ דער באַרימטער ענגלישער קולטור־פאָרשער טאָמאַס קאַרלײל (1795—1855): „אַלץ װאָס די מענשען האָבען געטאָן, געדענקט, געװאונען אָדער געזעהן, ליגט װי דורך אַ צױבער אױפגעהיט אין די ביכער. זײ זײנען דאָס געבליבענע פאַרמעגען פון דער מענשהײט; מײנע ביכער זײנען פרײנט, װאָס פאַרלאָזען מיך קײנמאָל נישט".

הרב מיכלזאָנ׳ס װערק זײנען דער בעסטער אָנדענק פון זײן לעבען און שאַפען אין דער שטאָט װאָס האָט געקאָכט און געזידט מיט אידיש לעבען און פאַר עטליכע דורות געדינט פאַר אַ רעזערװואַר פון אידישקײט.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים!

---

53) זעה ז״ז 91—93 װעגען די העראָאישע מעשים פון די טרײע אידישע טעכטער, די העלדישקײט פון די 93 „בית יעקב" שילערינס װאָס „האָט אױפגעהױבען די אידישע טאָכטער אױף דער העכסטער מדרגה פון נשמה-רײנקײט, פון אינערליכער לױטערקײט און אידעליזם". װעגען דעם איז פיל געשריבען געװאָרען. זעה אױך „ספר היובל", ת״ת עץ חיים, ז״ז 372—375—451, טאָראָנטאָ, התש״ג.

VIII

הלל צייטלין וועגן הרב מיכלזאָן

הלל צייטלין ע״ה הי״ד, איז געווען ניט בלויז דער גרויסער פּובליציסט, דער טיפער דענקער, דער פילאָזאָף און זשורנאַליסט, נאָר אויך דער למדן־ערודיט, דער קענער פון חסידות און קבלה, דער עסייאיסט און פאָרשער און בכלל איינער פון די ליכטיגסטע פערזענליכקייטן אין פוילען — דער „מאָדערנער רבי״ פון חסידים און פאַרערער צווישען אינטעלעקטואַלען ווי צווישען פאָלקס-מענש.

אַלס זשורנאַליסט, פלעגט צייטלין שרייבען, פריהער אין וואַרשעווער „היינט״, נאָכדעם, ביז 1939, אין „מאָמענט״, אויף פאַרשיידענע טעמעס. אין דער לעצטער טאָג־צייטונג, פלעגט ער אונטערן רובריק „ערנסטע שמועסען וועגען ערנסטע ענינים״, שרייבען ליטעראַטור־קריטיק, רעצענזיעס און אָפּשאַצונגען. איינער אַזאַ איבערזיכט איז געווען געווידמעט די ליטעראַרישע אַרבייטן פון הרב מיכלזאָן א.ג. „די נייעסטע ספרים פון הרב מיכלזאָן״, שרייבט ער דאָרט צוו״א:

„הרב מיכלזאָן (געוועזן אב״ד אין פלונסק, היינט אַ חבר פון ועד הרבנים אין וואַרשע), איז איינער פון די פרוכטבאַרסטע מחברים אויף די געביטען פון הלכה, אגדה, דרוש, געשיכטע פון חסידות און אידישע היסטאָריאָגראַפיע. אויף די לעצטע צוויי געביטען, האָט ער באַזונדערס פיל אויפגעטאָן. נאָכ׳ן זעליגען נעסטאָר פון דער אידישער היסטאָריאָגראַפיע הרב ר׳ יוסף לעווינשטיין ז״ל איז — יבדל לחיים — הרב מיכלזאָן, דער גרעסטער קענער פון דער אידישער היסטאָריאָגראַפיע פון די לעצטע צוויי־דריי הונדערט יאָר. ער ווייסט אַלע באַדייטענדע אידישע משפחות, אַלע זייערע אָפּשטאַמונגען און אָפּצווייגונגען . . .

„די געשיכטע פון חסידות האָט איהם אויך זעהר פיל צו פאַרדאַנקען, ווייל נאָכ׳ן אויבענדערמאָנטען זעליגען רב לעווינשטיין פון סעראַצק, איז קיינער ניט געניט ווי הרב מיכלזאָן אין אַלע פּרטי־פּרטים פונ׳ם לעבען פון אַלע גוטע אידען.

„ער ווייסט אויך צו דערציילען זעהר פיל חדושי תורה און דברי חסידות פון זייערטוועגען, כאָטש אַליין שטאַמט ער פון גרויסען עולמיש־רבנישען יחוס און איז אויך דערצויגען געוואָרען אין אַ מער עולמיש, איידער ספּעציעל חסידישער סביבה, ווייסט דאָך קיינער ניט אַזוי ווי ער אַלע איינצעלהייטען פונ׳ם אַלט-חסידי־שען און נאָך מעהר פונ׳ם אַלטען גוט־אידישען לעבען און פונ׳ם ניי־חסידישען לעבען, אַזוי ווי ער. איהר וועט דעריבער ניט געפינען קיין איין ספר פון אַלע ספרים פון די לעצטע 15 ביז 20 יאָר, וואָס דערציילען די „ספורי נפלאות״ פון רביים און גיבען איבער זייערע חדושים און ווערטלעך, וואָס זאָל ניט ברענגען פיל זאַכען אָדער בשם הרב מיכלזאָן, אָדער טאַקע גלייך פון איהם געשריבען.

„עס פעלט דעם רב מיכלזאָן געוויס די סיסטעמאַטישקייט, קריטיק און גע־שיכטלעכע אינטואיציע פון אַ ספּעציעלען היסטאָריקער. זיינע ידיעות שטייגען אָבער ווייט, ווייט איבער די ידיעות פון׳ם ספּעציעלען היסטאָריקער סיסטעמאַ־טיקער און פאַרשער פון חסידות, און — „הכל צריכין למרא דחיטי״, צום בקי מוזען אַלע אָנקומען . . .

„די לעצטע צוויי ספרים זיינע, וואָס ליגען איצט פאַר מיר: א) שאלות ותשובות בית יחזקאל (פּיעטריקאָוו, תרפ״ד) און ב) פּנות הבית (דאָרט תרפ״ה) זיינען איבערהויפּט געווידמעט הלכה און פּלפּול (טיילווייז אויך דרוש). דער פּתח הבית צום בית יחזקאל (אַנטהאַלט 53 גרויסע עמודים) און דער הר הבית צום פּינות הבית (אַנטהאַלט 103 עמודים) זיינען אָבער ממש אַן אוצר פאַר׳ן פאַרשער פון׳ם אַלט־אידישען לעבענס־שטייגער, פאַר יענעם אמת׳ן פאַרשער פון דער אידישער געשיכטע, וואָס נישט פון צווייפעלהאַפטע פאָלקלאָריסטישע השערות וועט ער אורטיילען וועגען דעם אַמאָליגן אידישען לעבען, נאָר פון אמת׳ע עדי־ראיה, וואָס זיינען אַליין כל ימיהם איינגעוואָרצעלט געווען אין׳ם אַלט־אידישען לעבען און האָבען איהם, אַלס גדולי־תורה, באַגריפען מיט זיין גאַנצער קדושה און שיינהייט, כאָטש זיי האָבען אין דער זעלבער צייט, אויך געזעהן און נישט פאַר־לייקענט די שאָטען־זייטען פון יענעם לעבען״ . . .

אט אַזוי, מיט אַזאַ באַציהונג, שרייבט דער דעקאַן פון אידישע שריפטשטעלער אין פּוילען, דער „ארי שבחבריא״, וועלכער איז, ווי הרב מיכלזאָן, אומגעקומען צוזאַמען מיט׳ן אומקום פון פּוילישען אידענטום וועלכען זיי האָבען אַזוי ערליך, טריי און איבערגעגעבען געדינט פאַר יאָהר־צעהנדליגע.

זיינען דאָ, ווי מיר האָבען געזעהן גענוג אומפּינקטליכקייט וועגען אומקום פון הרב מיכלזאָן הי״ד; אויך וועגען אומקום פון דעם גרויסען „הוגי דעות״ ר׳ הלל צייטלין זיינען דאָ פאַרשיידענע ווערסיעס. די טויט־שטילע חורבות פון וואַרשע און די גאַזען פון טרעמבליקע קענען דאָך ניט דערציילען אַלע פּרטים פון די א ו י ס ט ע ר ל י ש ע געשיכטעס, פון׳ם גאַנצען גרויל און געשפּענסט פון נאַצי־אכזריות. און אויך די ניצול־געוואָרענע האָבען ניט אַלץ געקענט זעהן, אודאי ניט, באַנעמען און אויפפאַסען.

פון אַלע גבית־עדות, ווייסען מיר פון ביטערען אמת, פון דעם גורל פון אָט די צוויי גרויסע, פאַרבענדייכע שעפערישע זיהן פון אידישען פאָלק, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף די פּאָזיציעס פון וואַרשעווער געטאָ געדופען די קדושי האומה; געהאָפט און געהאַט בטחון אַז קומען וועט די בשורה פון נקמה אין דעם גרויזאַמען אַקופּאַנט; ווי הלל הזקן האָט געזאָגט, ווען ער האָט געזעהן דעם „גלגולת שצפה על פּני המים״, — דעם קאָפּ וואָס איז געשוואוּמען אויפ׳ן וואַסער — דער סוף וועט זיין, אַז די, וואָס האָבען דיך דערטרונקען וועלען דערטרונקען ווערען. עס איז געווען הלל׳ס

איבערצייגונג, אַז דער באַשעפער וועט באַצאָלען „מדה כנגד מדה" (זעה פדר"נ, פרק י"ב).

הלל צייטלין איז פאַרשלעפּט געוואָרען קיין טרעבלינקע, אומגעקומען נאָך שוידערליכע יסורים און איבערלעבענישען 54). הרב מיכלזאָן איז אומגעקומען בעת דעם אָנהויב פון דער געטאָ־ליקווידאַציע, האַלטענדיג זיך ווירדיג, מונטער, געהענדיג מיט׳ן כוח פון ישראל סבא און מיט׳ן אַלט־אייביגען אני מאמין.

„. . . עס טראָגט דער אָדלער רוים׳ס פאַרוויסטונג, טויט און בראַנד;
עס פאַלט אַרויס די שווערד ביים מוטיגען פון האַנד.
דער שוואַכער און דער שטאַרקער לויפען זיך באַהאַלטען
אין וועלדער און אין היילען און אין פעלזען־שפּאַלטען
און ווילד און ווילדער אַלץ, פון בלוט און ראַכע שכור
דער תליון רייסט זיין לייב און צופּט און פליקט אויף שטיקער
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
אַ, זיי געגריסט דו תליון, זיי געגריסט, דו לייד!
איך האָב אויף אייך געוואַרט, איך נעהם אייך אויף מיט פרייד!
אַ, זיי געגרייסט, דו מיתה, זיי געגריסט, באַשערטע!
איך גיב זיך איבער דיר געווינשטע און באַגערטע!
וואָס הער איך? לויים־קלאַנג! עס זינגט צו מיר און שאַלט!
וואָס זעה איך? לבנון־שניי? — עס בליצט פאַר מיר און שטראַלט!
דאָס רופט מען מיך, איך געה, דערפילט איז מיין פאַרלאַנג.
געבענשט זיי גאָט, א ח ד!
דער גרייז איז אויסגעגאַנגען.
(פון א. ליעסינ׳ס גרעסערע פּאָעמע, „רבי עקיבא).

מיט׳ן שטאַרקען גלויבען אין אחד איז דער קדוש הרב מיכלזאָן געגאַנגען צום טויט; מיט שטאָלץ, בטחון און אַנטשלאָסענקייט, זיך געשטאַרקט אין די לעצטע רגעים פון זיין לעבען, ניט אַרויסגעוויזען קיין פחדנות קעגען די נאַצי־תלינים.

ער איז געווען איבערצייגט אין די ווערטער פונ׳ם נביא, אַז נאָר אויף אַ „קליינע רגע האָב איך דיך פאַרלאָזען און מיט גרויס דערבאַרימונג וועל דיך אויסלייזען; אין אויסגוס פון כעס האָב איך אויף אַ רגע פאַרבאָרגען מיין פנים פון דיר, אָבער מיט אייביגער גנאָד, טו איך דיך דערבאַרימען — זאָגט דיין אויס־לייזער גאָט!"

54) וועגען הלל צייטלין און זיין אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור, זעה, „ספר צייטלין", ערוך בידי ד"ר ישעיהו וואָלפסבערג וצבי הרכבי, ירושלים, תש"ה; א. אַלמי, „הלל צייטלין", „דער טאָג", ניו יאָרק, סעפטעמבער 14, 1947.

גאָט'ס צאָרען, לאָמיר האָפען, וועט אַוועק און אייביגער חסד וועט באַהערשען די וועלט — אידישער כבוד, פרייהייט און רעכט וועט זיין פולשטענדיג אַנער־קענט, וועט זיין אַ רעאַליטעט . . .

* * *

ואתה בן אדם! . . .

פאַר אַ מענשען וואָס האָט שטענדיג געקוקט אַהיים, געטראָגען אין האַרצען אַ טיפע בענקשאַפט צום לאַנד פון געבוירען ווערען, רופט אַרויס אָט די אבידה פון יחיד — די גרויסע ט אַ ט אַ ל ע ט ר אַ ג ע ד י ע פון דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע . . .

הרב מיכלזאָן איז דאָך געווען נאָענט פאַרבונדען מיט יעטווידער רעליגיעז־ליטעראַרישע שאַפונג און מיט יעדער געזעלשאַפטליכקייט אין קאַמף פאַר קיום און געראַנגעל מיט דעם ברוטאַלען שונא. דורך באַוויינען אָט דעם היימישען־רבנישען טיפ, באַוויינען מיר דאָס מעכטיגע און שעפערישע אידישע לעבען אין פוילען וואָס איז אום'ברחמנות אונטערגעהאַקט געוואָרען. דאָס פירט אויך צום חשבון הנפש פון אידישען מענש. די געשיכטע האָט געשטראָפט אונזער דור מיט דער ג ר ו י ז אַ מ ס ט ע ר איבערלעבעניש, זינט חורבן בית שני און מיט דער ה ע ר ל י כ ס ט ע איבערלעבעניש, זינט מיר זיינען אין גלות פאַרטריבען גע־וואָרען — דער אָנהויב פון דערלייזונג, די אתחלתא דגאולה די בשורה פון אי־דישער מלוכה'שאַפט.

אנגעבויגען איבער'ן אָפגרונט פון אומקום, פאַרוויינט און פאַרטרויערט ביים תהום וואָס האָט פאַרשלונגען מיליאָנען ברידער — רייסט זיך אַרויס די תפלה: הביטה וראה! . . . זאָל שוין אַמאָל קומען אַ סוף אויף דעם מחבל און זאָלען שוין אַמאָל ליכטיג ווערען די האָריזאָנטען, ס'זאָל זיך באַווייזען דער אמת'ער פרידען, די אויפריכטיגע דעמאָקראַטיע, געשטאַרקט זאָלען ווערען די כוחות פון פּראָגרעס און יושר — די שטרעבונגען פון די מיכלזאָנ'ס און זייערס גלייכען, די הויכע קולטור מענשען, מאָראַלישע פערזענליכקייטען וועמעס השפעה, וועמעס דינאַמישקייט האָט אַ סך געהאָלפען אין באַשטאַלטיגען און פורמען דעם אידישען לעבענס שטייגער און עס האַרמאָניזירען אין אַ לויטער־ריינער סביבה, אַנטפלעקענדיג איהר ליכטיגקייט, שעהנקייט, שבת, יום־טוב'דיגקייט, פון וועלכער ס'שטראַלט אַרויס די אחרית הימים אידעע!


H. Ch. MICHELSON
RABIN II i VIII OKR.
m. st. WARSZAWY
Pańska 28 m. 4. Telefon 257-20.

הרב צבי יחזקאל מיכלזאהן
מלפנים אבד״ק פלונסק והגליל
וכעת בועד הרבנים בווארשא
רחוב פאנסקא 28 מעון 4 טעלעפאן 257-20

פאַקסימיליע פון זיין כתב־יד



מערקווירדיגער דאָקומענט, וואָס דער חשוב׳ער טאָראָנטער
תושב און חסידות־קענער, ר׳ ישראל איטשע בלימאַן, האָט אָפּ־
געהיט די גאַנצע פערציק יאָהר, זינט דאָס פּ״ק איז צו איהם



געשריבען געווארען (27.7.08), בעת ער איז נאך געווען אין דרילטש, פוילען. נאך א באווייז אויף הרב מיכלזאנ׳ס בקיאות און פאפולאריטעט.

תוספה 1

הרב מיכלזאָן אין ווילנער ש״ס דפוס „ראם", תרמ״א

צום קאפיטעל: דער פארפאסער פון אומצעליגע ספרים.

ווי מיר האבען אנגעוויזען האט הרב מיכלזאָן אנגעהויבען שרייבען און דרוקען זיינע חדושי תורה און פלפולים, נאך אין זיינע פריסטע יוגענט־יארען.

פון זיינע ערשטע געדרוקטע „זאכען", איז זיין אריינפיר צו די „הגהות חדושים" פון זיין עלטער זיידען, דעם בארימטען בערלינער רב ר׳ צבי הירש, איינקעל פון „חכם צבי", געדרוקט צום ערשטען מאל אין ווילנער ש״ס ראם, ערשטע אויפלאגע אין יאר תרמ״א (1881). הרב מיכלזאָן האט מעתיק געווען און אליין צוגעגעבען צו די חדושים. ער איז דעמאלט אינגאנצען אלט געווען ארום 19 יאר, און דאך, טיטולירט מען איהם „הרב הגדול..."

מיר גיבען דא די הקדמה ווי די ווילנער דרוקער האבען איהר געשטעלט אין דער מסכת בבא קמא.

„הגהות וחדושים למסכת בבא קמא

„מאת הגאון האמתי רשכבה״ג מוהר״ר צבי הירש זצ״ל

אבד״ק ברלין והמדינה, נכד חכם צבי

„הקדמת נכדו הרב הגדול וכו׳ מו״ה צבי יחזקאל שליט״א ז״ק מיכלסזאהן מטאמשוב

„אמר המעתיק מי זה אשר בא לשכון במשכנות הרועים רועי ישראל אשר לא שמע שמע קודש אא״ז הגאון האמתי עמוד האש נורא, חד בדרא רשכבה״ג כקש״ת מרן צבי הירש זצ״ל אבד״ק ברלין בן הג״מ אריה ליבוש אבד״ק אמשטרדם שהיה חתן רבינו החכם צבי זי״ע, הוא האיש הרם מלבד תשובותיו אשר נדפסו בספרי גדולי דורו (כמו בשו״ת בית אפרים, הר הכרמל, בנין אריאל) השאיר אחריות ברכה חדושים ותשובות תילי תילים ונפוצו ביד בניו ונכדיו, ובתוכם בא בירושה ליד בנו הוא א״ז הג״מ טעבלי ברלינר מפיעטרקוב הש״ס ד'אמשטרדם שלו ועל הגליונות יזרח אור חדש חדושים והגהות כי״ק אביו תפארת צבי הנ״ל ואחר פטירת א״ז בא הש״ס ליד בנו א״ז הגאון הגביר הנודע בשם ר׳ ליבוש ר׳ טעבליס עד אשר בא השמש לאוצר הספרים שלי.

„וכעת שמעתי קול ר״ם דברי המדפיסים מווילנא שי׳ אשר ברצונם להביא הגהות א״ז חמדת צבי בתוך הש״ס היו״ל בדפוסם לתפארת, לקחתי לי מועד

והעתקתי את הגליונות אשר ראיתי כי הם לרב תועלת; מעט הכמות ורב האיכות; והיעמוק בהם ימצא טוב טעם ודעת . . .

„ומה אני להעיד כמשבח לאור שבעת הימים כי טוב. אקוה כי המחזיקים בעץ החיים, ישמחו על האור הנערב כמוצא שלל רב . . . וזכותו יעמוד לי שאוכל לישב ולעסוק בתורה ללמוד וללמד ברחבה. וכשאזכה להוציא אורה גם חדושי ותשובתי (קורסיוו מיינער — נ. ש.) אשר חנני השי״ת.

„העלוב ומצפה לישועה בתוך כלל אחב״י הנכספים לראות בתפארת „ציון במהרה יבנה״ צבי יחזקאל ז״ק מיכלסזאהן בלאאמ״ו הרב מ׳ אברהם חיים ז״ל מפיעטרקוב בן הרב הגביר נודע בשם ר׳ מיכל קאלישינר*) חתן המאוה״ג מ׳ צבי הירש בערלינר בן ה״ר ליבוש ר׳ טעבליס הנ״ל בן המחבר זיע״א.״

ווי מיר זעהן, האט ער שוין דאן געהאט גרייט חדושים און תשובות, שמועסען אין לערנען וועלכע ער ווינשט זיך זוכה צו זיין צו פארעפענטליכען.

אין די „הגהות״ פון זיין עלטער־זיידע געפינען זיך זיינע אייגענע באמער־קונגען „אמר זעירא צבי יחזקאל ז״ק מיכלסזאהן . . .״ וואס זאגען עדות אויף זיין אומגעהויערער ערודיציע און חריפות פון אן עלוי׳אישען יונגענמאן.

---

*) אין דעם ספר מאמר מרדכי פון זיין זיידען מרדכי מאטיל מיכלזאהן מקאלשין, וואס ער האט צוזאמענגעשטעלט און ארויסגעגעבען אין יאהר תרס״ז (1907), מיט זיינע הקדמות און ביאגראפישען ארייגפיהר, איז זיין ריכטיגער נאמען געווען יעקב יחיאל, און איז געווען פון די אנגעזעהנסטע כלל-טוער אין פיעטרקוב און דארט געגרינדעט א חברה אות ברית ווי אין זיין געבורט שטאט קאלושין, ארויסצוהעלפען ארעמע קינדפע-טארנס (יולדות).

הוספה 2

הרב מיכלזאָן צווישען די גרינדער פון מזרחי

צום קאַפיטעל: רבנישער אויטאָריטעט און היטער פון דת

אין דעם ווערק „ספר המזרחי", (קובץ לזכר הגאון רבי יצחק יעקב ריינס, למלאות שלושים שנה לפטירתו ערוך בידי הרב י. ל. הכהן פישמן, ירושלים תש"ו), גיט הרב פישמאַן אַ רשימה פון רבנים און גדולי תורה, וועלכע האָבען געהאָלפען אין דער גרינדונג פון מזרחי, איז אויך דערמאָנט הרב מיכלזאָן (אויף זייט קכ"ב מיט זיין בילד (צווישען די זייטען קט"ז—קי"ז) פון די אינגערע יאָרען.

הרב פישמאַן שרייבט:

והרי לפניכם רשימה ארוכה מכמה רבנים ובהם גם ג א ו נ י ם אבירים שנכנסו אז בכל לבם ונפשם לתוך המזרחי . . ." (ז. ק"כ).

הרב מיכלזאָן, ווי מיר זעהען, איז געווען טעטיג אויף אַלע געביטען פון יהדות, ישוב הארץ, חנוך, צדקה און אַנד. סאַרטען כלל ארבייט, ניט געקוקט אויף זיין התמדה אין לערנען און שאַפען . . . מזרחי האָט ביי איהם נאַטירליך ניט געמיינט אַ פּאָליטיש־רעליגיעזע באַוועגונג, נאָר פשוט, אַ רעליגיעזע באַוועגונג פאַר דער שאַפונג פון אַ שטאַרקען רעליגיעזען ישוב אין ארץ ישראל. „חבת ציון" האָט ביי איהם געמיינט בעיקר ליבשאַפט צום לאַנד פון אונזערע אבות, וואָס דריקט זיך אויס ניט סתם אַזוי אין אַבסטראַקטער פּלאַטאָנישער ליבע אָדער אוטאָפּישער פאַרשטעלונג, נאָר אין קאָנקרעטער אַרבייט פאַר די מוסדות הארץ, פאַר ישוב הארץ, פאַר באַזעצען אידען אין לאַנד פון זייערע אבות און פאַר דעם אויפבוי פון אידישען היימלאַנד.

ער האָט געהאַט די זכיה צו האָבען אין ציון אַ טייל פון זיינע קינדער און קינדס־קינדער — אַ זכות פאַר אַן אמת'ן חובב ציון . . .

הוספה 3

הרב מיכלזאָן שטאַרקער פאַרטיידיגער פון „בשמים ראש"

אין קאַפּיטעל „זכות אבות", האָבן מיר געזעהן, ווי הרב מיכלזאָן איז געווען אַן אויסערגעוויינליכער ליבהאָבער פון יחוס און זיך שטאַרק „מיחס" געווען מיט זיינע עלטערן און אור־עלטערן. וואָס שייך פאַרטיידיגן, מלמד־זכות זיין אויף זיין משפחה, האָט ער אַרויסגעוויזן אונגעוויינליכע איבערגעגעבנקייט און הייסע ליבשאַפט.

אַלס פאַקט, וועלן מיר דאָ ברענגען אַ מערקווירדיגן קוריאָז וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף זיין הויכשעצונג צו קרובים.

אין דעם ספר „צבי לצדיק" פון דעם פריהער פיל דערמאָנטען ר' צבי הירש בערלינער רב, אייניקעל פון „חכם צבי" (אַרויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע פון הרב מיכלזאָנ'ס איידים אברהם נתן איילבערג, פּיעטרקאָוו תרס"ד — 1904), געפינט זיך צום סוף אַ ביאָגראַפיש־כראָנאָלאָגישע אַרבייט א.נ. „בית צדיק" פון צבי יחזקאל מיכלזאָן, דאָן שוין אַ באַרימטער רב און מחבר. דער איידים טיטולירט איהם אין דער הקדמה אַלס „גאון אדיר" . . .

די משפחה כראָנאָלאָגיע, ווי אַנדערע זיינע פאַמיליע באַשרייבונגען, איז אַ וויכטיגער ביישטייער צו דער רבנות היסטאָגראַפיע אין אייראָפּע, באַזונדערס וועגן דער תקופה פון ר' צבי הירש בערלינער (געב. תפ"א — נפטר תק"ס), מיט העתקות פון פאַרשיידענע דאָקומענטן.

ער רעכנט אויך אויס די זין פון ר' הירש'ן, איינער פון זיי, דער עלטסטער זוהן ר' שאול, איז געווען רב אין פראַנקפאַרט ביים אָדער און איז דער מחבר פון די ספרים „כסא דהרסנא'(, „בשמים ראש" און פיל אַנדערע.

דער דאָזיגער ר' שאול, עלטער־פעטער פון הרב מיכלזאָן, האָט מיט זיין ספר „בשמים ראש" אויפגעשטורעמט די לומדיש־רבנישע וועלט. דער מחבר פון ספר, (392 שאלות ותשובות), זאָל געווען זיין רבנו אשר (רא"ש, ה' אלפים י' — ה' אלפים פ"ח; 1250־1328), איינער פון די גרויסע פוסקים און מפרשים פון תלמוד. עס זאָל הייסן, אַז ר' יצחק די מאָלענא (אין צייט פון ר' יוסף קארו) זאָל זיי געווען צונויפזאַמלען, אַרויסגעגעבן דורך ר' שאול מיט אייגענע הגהות א.נ. „כסא דהרסנא", (בערלין, תקנ"ג—1793).

ווען דאָס ספר איז דערשינען זיינען באַלד די גדולי הדור אַרויס קעגן ספר און אָפּן באַשולדיגט אַז דער אַרויסגעבער האָט דאָ פאַלש גענוצט דעם רא"ש'ס נאָמען אַלס פאַרפאַסער פון אַ ספר אין וועלכן זיי האָבן געפונען ניט ריכטיגע פסקים. מיט דער שאַרפסטער פאַרדאַמונג איז אַרויסגעקומען דער באַרימטער

ניקלשפערגער רב ר׳ מרדכי בנט און זיך געווענדעט מיט אַ שאַרפען פּראָטעסט בריוו צום פאָטער פון אַרויסגעבער, צום בערלינער רב ר׳ צבי הירש. (זעה, תולדות ר׳ מרדכי בנעט, ערשטע אויפלאַגע 1832, ז״ז 30 ; זעה אויך „פרשת מרדכי״ שו״ת סימן ה׳).

דער לעצטער איז איהם נישט שולדיג געבליבען קיין ענטפער און עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע מחלוקה וועגען אַט דעם פּלאַגיאַטיזם (אַנשטאַט לקח׳ענען פון אַנדערע און רופען אויף אייגענעם נאָמען, טאָן דאָס פאַרקערטע, אַן אייגענעם חבור רופען אויף׳ן נאָמען פון אַ גדול).

ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי אין זיין „שם הגדולים״, מערכת ספרים אות ב׳, סימן קכ״ז און אין אַנדערע זיינע ספרים באַרירט דעם ענין זעהר דעליקאַט, מיט די איידעלסטע ווערטער, ווי אַ פריינט צו דער פאַמיליע און פאַרערער פון מחבר׳ס פאָטער.

ר׳ משה סופר דערמאַנט דעם „בשמים ראש״ מיט די ווערטער „שאלה זו לקוחה מ כ ז ב י הראש״ (שו״ת התם סופר, או״ח סימן קנ״ד) און דאָס האָט ער אַזוי בכוונה געשריבען, ניט געווען קיין טעות ווי טייל מיינען, אַז ס׳דאַרף זיין מ כ ת ב י .

אַ באַרימטער רב ר׳ זאב וואָלף איז אַרויס מיט אַ ספר א.נ. „זאב יטרוף״, (פפד״א תקנ״ג — 1793) קעגען דעם ספר „בשמים ראש״ און זיין מחבר. אַנ־דערע האָבען גאָר מסכים געווען, צווישען זיי, דער באַרימטער פּראַגער רב ר׳ יחזקאל לאנדא. (ער דערמאַנט איהם אויך מיט כבוד אין זיינע שאלות ותשובות, זעה, נודע ביהודה יור״ד ס״ד ; אה״ע ס״ו).

ר׳ שאול, ווי עס ווייזט אויס, איז געווען אַ גרויסער קאָפּ, אַ „גאון עצום״ אין רבני׳שען זין. ער האָט אָבער געהאַט אַ שוואַכקייט צו שרייבען ספרים אַנאָנים, זיך צו באַהאַלטען אונטער אַ נאָמען פון באַרימטע רבנישע פּערזענליכקייטען. אַזוי האָט ער אַרויסגעגעבען א ספר „מצפה יקתאל״, אָפּפרעגענדיג דעם ספר „תורת יקותיאל״ פון ר׳ רפאל הכהן, רב אין אלטונא האַמבורג וואַנזבעק (אה״ו), אָנגע־בענדיג דעם נאָמען פון מחבר, עובדיה ב״ר ברוך. אַזוי מיט די אַנדערע ווערק ווי „כתב יושר״ (פאַרטיידיגענדיג דעם דייטשען משכיל־רעפאָרמער ר׳ נפתלי הירץ וויזעל ; „רב טוב לבית ישראל״ (אַ בריוו קיין טריעסט אויף אַ ריי וויכטיגע פראַגען) ; „דברי שלום ואמת״ און פיל אַנדערע. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט וואָס ער איז געשטיצט געוואָרען פון די בערלינער און ברעסלויער משכילים (באַריכות וועגען איהם אין די ווערק פון די קולטור־פאָרשער אברהם גייגער און ליפּמאַן צונץ ; זעה אויך תולדות הפוסקים פון שמעון משה חאַנעס, וואַרשע, תרפ״ט, ז״ז 234־237).

אין זיין „בית צדיק״ (ז״ז 175־176) פאַרטיידיגט הרב מיכלזאָן זיין עלטער־פעטער ר׳ שאול׳ן און גיט צו נאָך איניגע שטריכען צום כאַראַקטער פון אַט דעם

מערקווירדיגען רב און מחבר, זוהן פון באַריהמטען בערלינער רב ר׳ צבי הירש און איידים פון ברעסלויער רב ר׳ יצחק תאומים.

זיין ספר „מצפה יקתאל״ געגען „תורת יקותיאל״ האָט ער אַרויסגעגעבען צוליב דער רבנות מחלוקה מיט ר׳ רפאל הכהן.ביידע האָבען קאַנדידירט אויף דעם רבנות־פּאָסטען אין די דריי שטעט אה״ו, און דער לעצטער האָט איהם באַזיגט און נאָך איהם געוואָלט לייגען אין חרם און שיר ניט באַקומען די הסכמה אויפ׳ן חרם אויך פון צבי הירש׳ן. ווען דער זוהן האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געשריבען צום פאָטער און איהם אויפגעקלעהרט דעם ענין, איז דער פאָטער אַרויס איהם פאַרטיידיגען און געווירקט אויף נאָך אייניגע גאונים, צווישען זיי דעם „נודע ביהודה מבטל צו מאַכען דעם חרם. הרב מיכלזאָן שרייבט אַז דער שטורם וואָס איז אויפגעהויבען געוואָרען קעגען „בשמים ראש״ איז איינגעשטילט געוואָרען. דער אמת איז, אַז אין יאָהרען שפּעטער איז נאָך מעהר פעסטגעשטעלט געוואָרען די דאָזיגע מאָדנע פעלשונג. עס געפינט זיך ניט אין קיין אַרכיווען רשימה וועלכעס־עס־איז „כתב יד״ פון תשובות הרא״ש.

באַזונדערס, די ענינים וועלכע ער באַהאַנדעלט זיינען אין ראש״ס צייטען גאַרנישט ניט געווען אַקטועל. אין די צייטען פון ר׳ שאול, די עפּאָכע פון השכלה און רעפאָרם אין דייטשלאַנד זיינען זיי גראָד געווען שטאַרק אַקטועל.

וועגען דער פּטירה פון ר׳ שאול׳ן קורסירען אויך פאַרשיידענע ווערסיעס. לויט איין נוסח, זאָל ער געווען נפטר ווערען אין לאָנדאָן ביי זיין ברודער ר׳ שלמה, לאָנדאָנער רב; ווי ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן לעמבערגער רב גיט איבער, זאָל ער געווען פאַלען אויף דער בימה פון דער גרויסער לעמבערגער שוהל אינמי־טען אַ דרשה און זאָל געווען קראַנק ווערען און דאָרט נפטר ווערען.

הרב מיכלזאָן גיט אַז די דאַטע פון זיין פּטירה כ״ג מר־חשוון תקנ״ה.

רשימה פון נעמען און ערטער

אבראמאוויטש, ר. — 21, 37.
אזולאי, חיים יוסף דוד (חיד"א — 30, 81.
איגר — 28.
איגר, אברהם — 48.
איגר, אלתד עזריאל מאיר — 40, 48.
איגר, ליב (תורת אמת, לובלינער רבי) — 42, 48.
איגר, עקיבא — 22, 27, 28, 48.
איגר, שלמה — 48.
איטינגא — 27.
אייזענשטאדט, ישראל טובי' — 27.
איילבערג (עלבערג), אברהם נתן — 40, 64, 65, 80.
איסרלס, משה — 16.
אלטונא — 21, 81, 82.
אלטר, אברהם מרדכי (גערער רבי) — 41, 48.
אלטר, ארי' ליב (שפת אמת) — 14, 33, 41, 42.
אלטר, מנחם מענדיל — 48, 52.
אליק — 21.
אלימלך, רבי ר' — 31.
אליעזרל לובלינער — 22.
אלמי, א. — 70.
אמסטערדאם — 21, 22, 32, 77.
אמסטערדאמער רב (ר' ליב) — 23, 77.
אמעריקא — 45.
אמשינאווער רבי — 48, 49.
אסטראה — 21.
אסטראווצער רב — 29, 49.
אסטראווצער רבי — 49.
אפרים הכהן, ר' (ווילנא) — 21.
אפט — 27.
אצאפ, דוד — 30.
אראק, מאיר — 48.
אריסטו — 45.
ארלעאן, י. ל. — 66.
ארנשטיין, יעקב — 31.
ארץ ישראל — 42, 43.
אשוועטשים — 64.
אשכנז — 16, 50.
אשכנזי, יהושע העשל (לובלינער רב) — 44.
אשכנזי, משולם זלמן — 24.
אשכנזי, צבי (חכם צבי) — 21, 22, 24, 25, 30, 34, 77, 78.

באבער, שלמה — 59.
באלאבאן, פראפ. מאיר — 46, 66.
באנעט, מרדכי — 81, 82.
בנעט, מרדכי — 80, 81.
באס, יוסף — 32.
באס, שבתי (שפתי חכמים) — 32.
בארענשטיין, אברהם (סאכאטשעווער רבי) — 41.
בארנשטיין, יצחק — 52.
בונם, רבי ר' — 60.
בוקארעסט — 43.
ב"ח (ר' יואל יפה סירקיש) — 21.
ביאלער רבי — 40.
בידערמאן, יעקב מאיר — 52.
בילגוריי — 13, 22, 24, 50.
בלאשקי — 69.
בני ברק — 43.

בן־גוריון (גרין) דוד — 14.
בעלזער רבי — 30, 41.
בערגער, ישראל — 30, 43, 60.
בערדיטשעווער (ר' לוי יצחק) — 28.
בערלין — 77, 80, 81, 82.
בערלינער, ארי' ליבוש — 59, 77.
בערלינער, טעבעלי — 77.
בערלינער, צבי הירש (זעה צבי הירש) — 30.
בעש"ט — 24.
בר־כוכבא — 12.
בראדט, שמואל — 48.
ברלין, ר' חיים — 44.
ברעסלוי — 32, 43, 81, 82.

גאלדא (טאכטער פון ר' שכנא, פרוי פון רמ"א) — 16.
גאנז, דוד — 61.
גוטמאכער, אלי' (גריידיצער רב) — 43.
גוטערמאן, מנחם מענדיל (ראדזימי־רער רבי) — 48.
גוטשעכטער, חיים יהושע — 48, 51.
גיטל־גינענדל (שוויגער פון הרב מיכלזאן) — 24.
גייגער, אברהם — 81.
גינז־איגר, עקיבא — 28.
געזונטהייט, יעקב — 12.
גערער רבי — 14, 41, 42, 48.
גראס, חיים דוב — 28.
גראדזענסקי, חיים עוזר — 9, 49.
גרויבארט, יהודה ליב — 41, 43.
גריידיצער רב — 43.
גרינבוים, יצחק — 15.
גרשטנקורן, יצחק — 43.

דוד הלוי (טו"ז) — 21.
דוד טעביל (שוועער פון הרב מיכלזאן) — 24.
דירענפארט — 27, 32.

האלבערשטאם, חיים — 44.
האלאנד — 21.
האלסטאק, יחזקאל — 49.
האמבורג — 21, 81, 82.
האראדעצקי, ש. א. — 59.
הורוויץ, יעקב יצחק („חוזה") — 29, 31, 60.
הורוויץ, יעקב יצחק („יוד הקודש") — 60.
הורוויץ, פינחס — 21, 22, 30, 31.
הורוויץ, שמעלקא — 30, 31.
היילפרין, דובעריש — 21, 35.
הינדא סערל (הרב מיכלזאנ'ס פרוי) — 13, 24.
הלל הנשיא — 29.
העלער, נתן — 18.
העשל, רבי ר' — 29.
הרכבי, צבי — 70.

וואגמייסטער, יואל — 15, 54.
וואל, שאול — 21.
וואלאדאוו — 13.
וואלגעלערנטער, י. י. — 27.
וואלדען, אהרן — 30.
וואלערשטיין־העלער, יום טוב ליפמאן (תוסיו"ט) — 18, 21.
וואלפסבערג, ישעי' — 70.
וואלף, זאב — 81.
וואנזבעק — 21, 81, 82.
וואקס, חיים אלעזר — 13, 42, 43.
ווארשע — 11, 15, 23, 47, 48, 52, 53, 54, 55, 57.
ווארשעווער קהילה — 16, 65, 66.

ווארשעווער ראבינאט — 51, 52.
ווארשעווער איפשטאנד — 11, 62, 65, 66.
ווארשאוויאק, מאיר — 52.
וויזענבערג, שמעון — 41.
וויטאל, חיים — 32.
וויינבערג, אברהם — 52.
וויים, אייזיק הירש — 44.
ווילנע — 9, 21, 27, 77.
ווילנער גאון (הגר"א) — 28, 29, 35.
ווילנער רב (ר' חיים עוזר) — 9, 49.
ווילקע — 33.
וויז — 21, 32, 41.
ווערטהיימער, שמעון — 41.

זאבלאדאווער, אהרן נפתלי — 52.
זגערשער רב — זע איילבערג, א.ג.
זאלקעוו — 24.
זאמאשטש — 13, 14.
זיבענבערג, אברהם — 51.
זיידמאן, הלל — 33, 52, 55, 63, 65, 66.
זילבערשטיין, יעקב — 51, 52.
זלאטשעוו — 30.
זלאטשעווער רב (ר' משה אהרן) — 30.
זעמבא, מנחם — 41, 48, 49, 51, 52.
זעמטשיק, יעקב — 52.
זשאלקיוו — 25.

חדושי הרי"ם (ר' יצחק מאיר, ערש־טער גערער רבי) — 21, 41, 44, 50.
חוה (בלאשקער רביצין) — 63.
חנעס, שמעון משה — 81.
חנה בילה (מוטער פון הרב מיכלזאן) — 13, 24.
חפץ חיים (ר' ישראל מאיר הכהן) — 47.
חתם סופר (פרעסבורגער רב, ר' משה סופר) — 14, 81.

טאמאשאוו — 13.
טארנא — 48.
טורש, דובעריש — 23, 45, 46.
טראקענהיים, יואל — 54.
טריוואש, הלל דוד הכהן — 33.
טרעמבלינקא — 52, 63, 69, 70.
טשערניאקאוו, אדם — 63.

יודקאווסקי, חיים ליב — 51.
רבי יוחנן הסנדלר — 24.
יוסטמאן, מ. (יאושזאן) — 60.
יחייא, אבן גדלי' — 60.
ר' יצחק די מאלענא — 80, 81.
יעזערנע — 13, 34.
ירושלים — 27, 53, 62, 65.

כארמאלאוו — 15.
כהנא, שלמה דוד — 15, 41, 49, 51, 52, 53.
כפר חיטין — 42.
כ"ץ, יוסף — 16.
כ"ץ, יצחק — 45.

לאדוש — 45.
לאנדא, יוסף שמואל — 28, 30.
לאנדא, ישראל יונה — 27, 28.
לאנדא, יחזקאל („נודע ביהודה") — 27, 30, 40, 81, 82.
לאנדאן — 82.
לובלין — 13, 17, 21, 22, 24, 41, 48, 51, 58.
לובלינער „חוזה" — 29, 35.
לובלינער מגיד — 21, 35.

לובלינער ראבינאט — 41.
לובלינער רב — 24.
לובלינער רב (ר' שלום שכנא) — 16, 31.
לובלינער רב (ר' שניאור זלמן) — 13, 42.
לובלינער רבי — 48.
לודמיר — 21.
לודמירער שוחט — 50.
ליבשיץ, יחזקאל — 48.
ליזענסק — 31.
ליינער, גרשון הנוך הניך (ראדזינער רבי) — 14, 65.
ליינער, מרדכי יוסף אלעזר — 48.
ליכטענשטאט, יוסלי — 27.
ליסער רב (ר' יעקב) — 22.
ליעסין, א. — 70.
ליפנער רב — 48.
לעווין, אהרן — 48.
לעווינשטיין, יהושע העשל — 40.
לעווינשטיין, יוסף — 40, 58, 68, 69.
לעווארטאוו — 28.
לעמבערג — 10, 21, 22, 23, 24, 25, 82.
לענסקי (יהודה עלבערג) — 64.

מאסקווע — 44.
מאקאבייער — 11.
מארגענשטערן, יצחק זעליג (סאקאלאווער רבי) — 18.
מארגענשטערן, מנחם מענדיל (קאצקער רבי) — 41.
מארק, ב. — 33, 63, 68.
מהר"י אסאד — 43.
מהר"י מינץ — 21.
מהר"ם לובלין — 59.
מהר"ם פאדוא — 21.
מהרש"א — 54.
מהרש"ל — 18, 21.
מוהר"ם זיסקינד — 22.
מיידאנעק — 66.
מייזעל, אלי' חיים — 45.
מייזיל נחמן — 14.
מייזעלש, צבי הירש — 24.
מיימאן, אהרן — 51.
מיימון, אפרים — 51, 52.
מיכלזאן, אברהם חיים — 13, 77.
מיכלזאן, אברהם חיים שמחה — 30, 31.
מיכלזאן, שמחה שמואל (ש.ה.) — 49, 64, 65.
ר' מיכל (יחיאל יעקב) קאלושינער — 77.
מענדעלסאן, משה — 81.
מענדעלסאן, סען. — 48.
מערקער, שלמה — 52.
מרגליות (משפחה) — 27.
ר' מרדכי זאב — 23.
ר' מרדכי מאטל קאלושינער — 78.

נאטאנזאן, יוסף־שאול — 82.
ניסענבוים, שלמה ברוך — 58.
ניקאליי, גראנד-הערצאג — 49.
ניקאלשפורגער רב (ר' שמעלקא) — 21, 30.
ניקעלשפערגער רב (ר' מרדכי בנעט) — 81.
נעמיאווסקי, אנדזשיי — 46.
נעמיראוו — 21.
נצי"ב — 44.

סאכאטשעווער רב (ר' אברהם) — 41.
סאמבאר — 48.

כאנדזער רב (ר' חיים) — 44.
כאַקראָט — 45.
כיפר, שלמה — 28.
סמ"ע (ר' יהושע פולק) — 21, 25.
סעראצק — 40, 58, 68.
סקאלאַז (גובערנאַטאָר) — 15.
ע'לבערג (לענצקי) יהודה — 64, 65.
עמדין, יעקב — 21, 30.
עמטשיק, יעקב — 52.
ר' עקיבא — 12, 70.
פּאַביאַניץ — 52.
פּאָול, גאָדפריד — 32.
פּאָזנאַן (פּויזן) — 27, 28, 32.
פּאָלאַק, יעקב — 40.
פּאָרבשטיין, העשל — 15, 48, 54.
פּאַריז — 64.
פּויזנער, חיים — 51.
פּיאַסעצנע — 40.
פּיינשטיין — 59.
פּיעטריקאָוו — 26, 27, 59, 69, 77, 80.
פּירשטמאַן, י. ד. — 50.
פּישמאַן, י. ל. הכהן — 21, 79.
פּלונסק — 14, 15, 33, 45, 49, 68, 80.
פּעטמאַן אלי' — 52.
פּעפּערקאָרן — 45.
פּערלמוטער, הרב — 54.
פּערלמוטער, שמואל שמרי' שמערל — 29.
פראנקפאָרט, א. מ. — 21, 30.
פראנקפאָרט, א. ד. — 80, 81.
פּראָג — 21, 22, 27, 30, 32, 40, 81.
פּראָגע (פּאָרשטאָט פון ווארשע) — 48.
פרידמאַן, אלכסנדר זושא — 33, 52.
פרידענזאָן, אליעזר גרשון — 66.
פרומקין, י. ד. — 27.
פרענקל־תאומים, יצחק מאיר — 32.
פריץ, ארי' ליב — 28.
פריץ, יצחק ליבוש — 14, 24.
פריץ, ישראל — 24.
פריץ, משה — 28.
פריץ, שמואל — 28.
פשיסכע — 31, 60.
צבי הירש (אייניקעל פון חכם צבי) — 30, 77, 78, 80, 81, 82.
צונץ, יו"ט ליפּמאַן־לעאָפּאָלד — 81.
צייטלין, הלל — 46, 68, 70.
צירלזאָן, הרב — 44.
קאָוונע — 33, 44.
קאָזשעניצער מגיד — 29.
קאַלישינער — 78.
קאַליש — 32, 42, 43.
קאַליש, ירמי' (אפּאַלער־אמשינאָווער רבי) — 49.
קאַלישער רב (ר' חיים אלעזר וואקס) — 13, 42, 43.
קאַלישער רב (ר' מנחם מענדיל אלטער) — 52.
קאַצענעלבאָגען — 27.
קאָצק — 26, 41.
קאַרו, יוסף — 16, 80.
קדיש, יועץ קים — 60.
קאַרלסבאַד — 24, 25, 44, 45.
קאָרעצער רבי (ר' פּינחס'ל) — 26.
קוק, הרב — 41.
קורפו — 42, 43.
קלאַצקין, אלי' — 48.
קלוגער, שלמה — 44.
קלעפּפיש, מרדכי — 51.
קעמפּנא — 27, 28, 30.

קעשענאָוו — 44, 49.
קירשענבוים, דוד — 60.
קראסניבראד — 14, 33, 47, 50, 65.
קראָקע — 16, 21, 22, 25.
קריגער (ימח שמו) — 63.

ראגאזשינסקי נח — 52, 65, 66.
ראדזימינער רבי (ר' אהרן מנחם מענדיל) — 48.
ראדזעלי — 44.
ראזן, יוסף (ראגאטשעווער־דינאבורגער עילוי) — 53.
רא"ש (רבנו אשר) — 80, 81.
רבינוביץ, ע. — 59.
רובינשטיין (סגנ. הרב) יצחק — 48.
רוקח, יהושע (בעלזער רבי) — 31.
רוקח, שלום — 31.
ריבקינד, יצחק — 25, 59, 60, 63.
ריטשוואל, שכנא — 51.
רייכלין — 45.
רמ"א (ר' משה איסרלס) — 16, 21, 29, 40.
רמב"ם — 16, 58.
ר' רפאל הכהן — 81, 82.
רש"י — 29.

שאר, משה — 48.
ר' שאול (זוהן פון ר' ליבש בערלינער) — 80, 81, 82.
שבתי, הרב ר' — 32.
שווערדשארף, דוד טעבל — 13, 24.
שווערדשארף, יצחק נתן נטע — 24.
שווערדשארף, שמואל אלי' — 22, 24, 34, 35, 50.
שולוואס, מאיר — 40.
שולוואס, משה אביגדור — 40, 62, 63, 64.
שולמאן, ש. ב. — 29.
שור, אלכסנדר — 24.
שור, אפרים, זלמן — — 24.
שטאקהאמער, שמשון — 52.
שטיין — 66.
שטרייער, יעקב — 32.
שיינגראס, אהרן — 51.
שיפמאן, דוד — 14.
שיפער, יצחק — 66.
שלמה (לאנדאנער רב) — 82.
שמעלקים, יצחק — 65.
שנור, ברוך — 43.
שפירא, קלונימוס קלמן (פיאסעצנער רבי) — 48.

תאומים, יצחק — 82.
תאומים, צבי הירש — 13.
תל־אביב — 40.